STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01974

VU HALTEN MIR IN DER VELT

Leo Koenig

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

וואו האלטען מיר אין דער וועלט

שטודיען אין „נאציאנאלע היגיענע"

פון

לעא קעניג

ארויסגעגעבען פון א גרופע לאנדאנער שריפטשטעלער
און זשורנאליסטען.

הויפט־פארקויף:

J. Pomerantz,
12 St. Kildas Road, London, N.16.
Clissold 6666.

פרייז -/2

לאנדאן, תרצ"ג.

געדרוקט ביי י. נאראדיצקי, 48 מייל ענד רויד, לאנדאן, א.1.

א י נ ה א ל ט :

		זייט
1.	קענען מיר זיך אינערליך באַשיצען געגען סאָציאַלע עפּידעמיעס?	3
2.	די געפאַהרען פון רעוואָלוציעס און קאָנטער־רעוואָלוציעס	6
3.	מיר מוזען אונזער אייגען הויז אין אָרדנונג בריינגען	10
4.	אונזער דערציהונגס־פראַגע	14
5.	מיר מוזען זיך שוין צופּאַסען צו די נייע סאָציאַלע פאָרמען ..	18
6.	צופיעל פעהיגקייטען און טאַלאַנטען	23
7.	אונזער עקאָנאָמישער זעלבסט־שוץ	27
8.	„אידישער סעקסואַליזם"	30
9.	טאַקטלאָזיגקייט — אַ פּראָדוקט פון אַסימילאַציע און אויסדערוועהלטקייט	35
10.	דער ספּאָנטאַנער פעריאָד אין אונזער קאַמפּף מיט'ן היטלעריזם ..	39
11.	די וואָס נעהמען זיך דאָס לעבען	43
12.	אונזער אייביגקייט	47
13.	ניט צוריק נאָר פאָראויס	52
14.	דער פאַראייניגטער פראָנט	56
15.	די איצטיגע היסטאָרישע מיסיע פונ'ם אידישען אַרבייטער ..	60
16.	פאָלק און לאַנד	66
17.	חלוצים, חלוצים!	72

פאַרוואָרט

אויף דער הייסער מינוט, ספּאָנטאַן, ווי אַלע אונזערע איצטיגע אַקציעס געגען די באַרבאַרישע און גיפטיגע אַטאַקעס פונ׳ם היטלעריזם, זיינען אַט די עטליכע עסעיען אויפגעשריבען געוואָרען.

זיי פּרעטענדירען ניט אויף אָביעקטיווער געלעהרזאַמקייט (כאָטש ס׳איז זעהר לייכט דעם איינדרוק צו מאַכען, צוגעבענדיג אַ פּאָר סטאַטיסטישע טאַבעלען און דאַטעס); זיי פּרעטענדירען אוודאי ניט אויף ספּעציעלער וואָרט־זאָגעריי און וועג־וויזעריי.

איך האָב אין דער סעריע אַרטיקלען געפּרובט ניכטער צו אַנאַליזירען די איצטיגע אידישע לאַגע, און אנדייטען די פּאָר קאָנסטרוקטיווע אידעען און קאַמפּף־פּלענער, וועלכע זיינען לעת עתה, נור „שטימונגען“ צווישען דער ראַדיקאַלער אידישער אינטעלי־גענץ, וואָס וויל ניט, און קען ניט אנטלויפען פון די אידישע מאַסען און פון דער „אידען־פראַגע“, ראַטעווענדיג זיך אין אינטערנאַציאָנאַלע, צי נאַציאָנאַלע אידעאַלען און פּאַרטיי־פּראָגראַמען.

אָבער די הויפּט כונה פון דער בראָשורע איז:

אידען אַליין זאָלען זיך שטאַרק פאַרקלערען וועגען זייער איצטיגען לעבענס־שטייגער, וועגען דער דערציהונג, וואָס זיי גיבען זייערע קינדער, און אַז ס׳איז בכלל ווייניג זיך צו פיהלען שטענדיג ווי באַליידיגטע און פאַרפאָלגטע, נור מיר דאַרפען טאַקע אַליין אויך געזונטער און ריינער לעבען.

אויב די בראָשורע וועט האָבען אַ שטיקעל ווירקונג אין דעם זין איז מה טוב!

ס׳איז אפשר ניט איבעריג, אגב, צו באַמערקען אַז איך רעד דאָ ניט אינ׳ם נאָמען פון וואָס פאַר אַ ס׳איז פּאַרטיי, גרופּע אָדער „קאָמיטעט“; און אפילו ניט אינ׳ם נאָמען פון דער גרופּע לאָנדאָנער אידישע שריפטשטעלער און זשורנאַליסטען וועלכע איז געווען אַזוי פריינדליך און מיר געהאָלפען אין דער אויסגאַבע.

לעאָ קעניג.

אויגוסט, 1933, לאָנדאָן.

וואו האלטען מיר אין דער וועלט?

1

קענען מיר זיך אינערליך באשיצען געגען סאציאלע עפּידעמיעס?

די מיקראָבען וואָס רופען אַרויס אָט די סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע מגיפות, וועלכע ווערען באַצייכענט אַלס פאַשיסטישע — דער היטלעריזם איז לעת עתה דער שטאַרקסטער אויסברוך פון דעם מין — זיינען פון די היינטיגע סאָציאָלאָגען, דאַכט זיך, שוין איזאָלירט און אויסגעפאָרשט געוואָרען.

דאָס באַריהמטע וואָרט בעבעלס, אַז „דער אַנטיסעמיטיזם איז דער סאָציאַליזם פון נאַראָנים", קען נאָך בעסער אָנגעווענדעט ווערען בנוגע צום פאַשיזם. דער פאַשיזם איז דער סאָציאַליזם פון די פאַרפּיהרטע און פאַרבלאָנדזשעטע סאָציאַלע שיכטען און קלאַסען.

וויסענשאַפטליכער גערעדט, הייסט עס, אַז דער פאַשיזם איז דער סאָציאַליזם פונ'ם רואינירטען מיטעלקלאַס, וועלכער פיהלט אַז ער דאַרף זיך צופּאַסען צו אַ נייער געזעלשאַפטליכער סיסטעמע. דער פאַשיזם איז דער וועג אויף וועלכען דער רואינירטער מיטעלקלאַס שלעפט זיך צו אַ נייער אָרדנונג. דער פאַשיזם איז די חבלי לידה תקופה פונ'ם מיטעלקלאַס.

די אַלטע אינדיווידואַליסטישע סיסטעמע האָט דעם קליינעם מיטעלמאַן צובראָכען און רואינירט, קיין פּסיכאָלאָגישע און מאַטעריעלע (צוליעב דער גרויסער אַרבייטסלאָזיגקייט) כוחות צוצושטעהן צום פּראָלעטאַריאַט, וואוהין ער וואָלט געשטויסען — האָט ער ניט; הענגט ער אין דער לופטען עקאָנאָמיש און אידעאיש.

און דער פאַשיזם, פּונקט ווי דער נידריגער מיטעלקלאַס, הענגט אויך אין דער לופטען. ער טרעפט איהם פּונקט צו. דער פאַשיזם זוכט אַריינצוגיסען נייעם וויין אין אַלטע פעסער. ער רעדט פון אַ נייער געדעכטער סיסטעמע און וויל ניט נור ניט ראַטעווען, נור ער נעהרט און שפּייזט, און צופלאַקערט אַלע אַלטע נאַציאָנאַלע און שאָוויניסטישע סענטימענטען און אַבערגלויבענס. מאַנכע פאַשיסטישע „טהעאָרע-

טיקער" זיינען אפשר אין אַ געוויסען זין עהרליך, ווייל זיי זיינען אַליין פּראָדוקטען פון דעם פּסיכאָלאָגיש קאָנסערוואַטיווען קלאַס, וועלכע האָט ניט דעם מוטה איבערצוגעהן צו די נייע געזעלשאַפטליכע פאָרמען, וועלכע ווערען מיט גוואלד, קען מען זאָגען, צוגעגרייט דורך דעם אונגעהויערען טעכנישען פּראָגרעס.

שלעפּט דער פאַשיזם מיט די אַלטע מיטעלאַלטערליכע „בעבעכעס" צו דער נייער אָרדנונג, וואָס ער איז געצוואונגען צו זוכען, צו וועלכער ער ווערט מיט גוואלד געטריבען.

נאַטירליך, ווערט דער פאַשיזם אויסגענוצט און געשטיצט פון די פאַרשטעהער פון דער אַלטער סיסטעמע, וועלכע מיינען און האָפען מיט'ן הילף פון'ם פאַשיזם, זיך און זייער סיסטעמע צו ראַטעווען, אָדער, כאָטש אַ קאָמפּראָמיס, אַ שותפות צו מאַכען מיט דער נייער אָרדנונג.

צי וועט עס זיי געלינגען, צי ניט, איז דערווייל שווער צו ענט־פערען. ווייל—און אויב יאָ, אויף ווי לאַנג—דער פאַשיזם איז נאָך אַלץ אין זיינע ערשטע עקספּערימענטאַלע טעג. ניט אומזיסט, דאַכט זיך אָפּט, אַז די קאַפּיטאַליסטען האָבען מעהר מורא פאַר'ן פאַשיזם ווי די אָפענע ביטערסטע געגנער פון'ם פאַשיזם — די קאָמוניסטען.

ווייל, דער פאַשיזם איז איינער פון די סאָציאַלע פענאָמענען, וואָס מען קען גענוי ניט וויסען צי זיי געהען פאָראויס אָדער צוריק. ער געהט מיט זיג־זאַגען. איין טריט פאָראויס און דריי שפּרונג צוריק, מיט איין פוס געהט דער פאַשיזם צום סאָציאַליזם, און מיט לייב און לעבען לעבט ער אינ'ם פינסטערען מיטעל־אַלטער. אידעאיש איז ער אַ קאשמאר אין וועלכען מלאכים און שווארצע טייוואָלים טאַנצען אַ קאַראַהאַר.

דער פאַשיזם איז אַ פאַטאַלע באַוועגונג. און מיט פאַטאַליסטישע אידעאַלען און באַוועגונגען קען קיינער ניט זיין זיכער — ניט קיין פריינד און ניט קיין שונא.

אַלטע שטאַאטסלייט און פּאָליטיקער זיינען עד היום ניט אינ־גאַנצען זיכער אפילו מיט מוסאָליני'ן אַליין, גלייך ווי זיי זיינען איהם באַהאַלטענערהייד חושד אַז ער קען נאָך אויסדרעהען דעם דישעל צו זיין אַלטען אמאָליגען רעוואָלוציאָנערען שורש . . .

און פאַר היטלער'ס אייזערנע שטאַאטס־מאשין, וואָס ער שטעלט איצט אויף לויט'ן רוסישען מוסטער, ציטערען איצט שטילערהייד, אפילו זיינע בעסטע קאָנסערוואַטיווע פריינד אין דייטשלאַנד און אויסער דייטשלאַנד.

ווייל מען קען ניט זיין זיכער, צי די שטאַאט־מאשין זיינע וועט ניט מוזען אָנהויבען פונקציאָנירען ראַציאָנאַל און ניט סוף כל סוף

צוטרעטען איהרע איצטיגע פיהרער און שאפער. מיט איין וואָרט: צו אונזער (אידישען באזונדער) גרויס באַדויערען, איז דער פאַשיזם נאָך אַלץ אין זיינע ערשטע עקספּערימענטאַלע יאָהרען, און קיינער ווייסט נאָך ניט ווי קאַטאַסטראָפאַל ער וועט זיך ענטוויקלען, אָדער צופאַלען זיך. הגם, דער פאַשיסטישער מיקראָב איז דורך היינטיגע סאָציאָלאָגען שוין אויסגעפונען און איזאָלירט געוואָרען.

דער דיאַגנאָז פון אַ קראַנקהייט, איז שוין אַ האַלבע רפואה. אַז מען ווייס פון וואַנען אַ קראַנקהייט — אינדיווידיעלע צי סאָציאַלע — נעהמט זיך, איז שוין פאַרגלייכמעסיג לייכט זי צו היילען.

דערפאַר אויך איז אַצינד ניט אַזוי נויטיג אפשר צו דערצעהלען באריכות פון אַלע רפואות און מיטלען מיט וועלכע דער פאַשיזם קען און דאַרף באַקעמפּפט ווערען.

עס וועט זיין גענוג ווען מיר וועלען אַצינד נור דערמאָהנען די צוויי הויפּט „מעדיצינען", וואָס עקזיסטירען איצט געגען דער פאַשיס־טישער עפּידעמיע אָדער איבערגאַנג.

די „לינקע" דאָקטוירים, אָט די, וואָס האַלטען שטאַרק פון אָפּעראַ־ציעס, ווייסט איהר דאָך וואָס זיי טענה'ן: אַ פאַראייניגטער פראָנט פון אַלע אמת סאָציאַליסטישע פאַרטהייען און אַ אָפענע קריעג געגען דער עפּידעמיע, וועלכע קען אונז צוריקפיהרען צום מיטעלאַלטער, און אויסראָטען די בעסטע און פּראָגרעסיווסטע מענשליכע כוחות.

די עלטערע מיושב'דיגערע דאָקטוירים ווידער, אָט די וואָס האַלטען ניט פון'ם „מעסער" און גלויבען נאָך אַלץ אין פאַרשיעדענע שמירעכצען, זאַלבען און געפאַרבטע פלעשעלאַך, טענה'ן, אַז אַבשוואַכען שטאַרק דעם פאַשיזם אין זיין איצטיגער געפעהרליכער פאָרמע, וועט נאָר ווען דער וועלט־האַנדעל וועט פאַרבעסערט ווערען און די שרעק־ליכע אַרבייטסלאָזיגקייט וועט פאַרקלענערט ווערען. מיר דאַרפען נור פאַרלאַטען דעם איצטיגען שרעקליכען עקאָנאָמישען קריזיס, מאַכען אַ שטיקעלע עקאָנאָמישען (טאַריף) שלום צווישען די פעלקער, און אַביסעל אויסגלייכען די באַוואַפנונג צי די ענטוואַפנונג פון די פעלקער, און ממילא וועט שוין דער פאַשיזם, אויב ניט אינגאַנצען אונטערגעהן, וועט ער כאָטש פאַרלירען ביסלעכווייז זיין גיפטיגען און רעוואָלוציאָ־נערען כאַראַקטער. און מיר וועלען זיך אַזוי אַרום אומקעהרען מעהר וועניגער צו די נאָרמאַלע צייטען.

די זיינען די צוויי הויפּט קאַמפּפס מעטאָדען געגען פאַשיזם וואָס זיינע אָפענע געגנער אין אַלע לענדער שטעלען איצט געגען איהם אַרויס.

אזוי אונגעפעהר, ווערט דער פאשיזם דיאגנאָזירט אצינד אין אַלע לענדער און דורך פארשיעדענע סאָציאַלע שיכטען און קלאסען ביי אַלע נאָרמאַלע פעלקער.

אָהן אַן ערך טראַגישער און געפעהרליכער — אפשר פאטאַל ? — זיינען אָבער די פאשיסטישע רעאקציעס אויפ׳ן אידישען נאציאָנאַלען גוף, אין וואָס פאר אַ לאַנד אָט די סאָציאַלע אויספּרובען זאָלען זיך נים מאַכען . . .

זיינען אחוץ די טראַדיציאָנעלע אידישע פּראָטעסטען און וועה־געשרייען, גאָרניטאָ קיין אַנדערע מיטלען מיט וועלכע מיר זאָלען זיך אינערליך קענען ווי עס איז באַשיצען געגען די כראָנישע קאטאַסטראָפען ?

דער פאשיזם איז אַ מין סאָציאַלע „פּליו“, וועלכע קען אונער־ווארטעט אויסברעכען אין יעדער לאַנד, ביי יעדען פאָלק. מיר לעבען אין אַ איבערגאַנגס־צייט און קיינער ווייסט נים ווי לאַנג אָט די איבערגאַנגס תקופה קען דויערען. פאר׳ן צוברעכענעם אידישען פאָלקס־אָרגאַניזם, קען אָט די תקופה מיט אַלע איהרע סאָציאַלע און נאציאָנאַלע קאטאַקליזמען ווערען פאטאַל.

מוזען מיר זוכען מיט דער גאַנצער אויפריכטיגקייט וואָס אונזערע פאָלקס כוחות פארמאָגען נאָך אָט די אינערליכע זעלבסט־שוץ און זעלבסט־באוואָהר מיטלען, כדי מיר זאָלען ווי עס איז איבערקומען — און פּראָדוקטיוו — אָט די שרעקליכע און טראַגיש־גרויסע עפּאָכע.

מיר מוזען עס. ווייל דאָס אידישע פאָלק וויל לעבען און וועט לעבען.

2

די געפאהרען פון רעוואָלוציעס און קאָנטר־רעוואָלוציעס

נים ווייל אידען אַלס אַ פאָלק זיינען בעסער — מאָראַלישער און עטישער, ווי אַנדערע פעלקער, זיינען ס׳רוב אידען — האַלב אינסטינקטיוו און האַלב באוואוסזיניג — געגען מלחמות און רעוואָ־לוציעס, נור פּראָסט און פּשוט, ווייל פאסיפיזם און עוואָלוציאָניזם זיינען מעהר אין אונזערע אידישע נאציאָנאַלע און עקאָנאָמישע איב־

טערסען. אונזער פאָלקס־אָרגאַניזם, ווי אונזער עקאָנאָמישער מצב, זיינען צו שוואַך, זיי זאָלען קענען אויסהאַלטען און איבערטראָגען וועלכע עס איז קאַטאַסטראָפאַלע און רעוואָלוציאָנערע פאָרמען פונ׳ם מענשליכען פראָגרעס.

אידען זיינען מעהר געגען מלחמות ווי אַנדערע פעלקער, ניט ווייל מיר האָבען מעהר ווי זיי ליעב דעם שלום „אַן און פאַר זיך“, נור פשוט ווייל מלחמות זיינען פאַר אונז פיעל שעדליכער, ווייל מיר פאַרלירען מעהר ווי אַלע אַנדערע פעלקער אין די פאַרשידענע מלחמות. אי ווייל, בשעת מלחמות ווערען קינסטליך און נאַטירליך אויפגעפלאַקערט פאַרשידענע נאַציאָנאַליסטישע אַבערגלויבענס און איינרעדעכצען (און ממילא שוין אַנטיסעמיטישע פראָפּאַגאַנדאַ) און נאָך מעהר ווייל אידען, צוליעב זייער צושפרייטונג, קומט אויס מלחמה צו האַלטען און פאַלען אויף אַלע פראָנטען. און דאָפּעלט אַך און וועה איז צו די אידען, וועלכע באַלאַנגען צו די באַזיעגטע לענדער. (דער בעסטער באַוויז: דאָס איצטיגע דייטשלאַנד).

דאַרפען מיר נאָך ממשות׳דיגערע באַווייזען און מאָטיווען פאַר וואָס אידען זיינען פּאַסיפיסטישער ווי אַנדערע פעלקער? ניט צוליעב וועלכען עס איז אתה בחרתנו אידעאַליזם נור ווייל מלחמות, זיינען פיעל שעדליכער פאַר אונזער נאַציאָנאַלען אָרגאַניזם. צי מיר וואָלטען געווען פונקט אַזוי פּאַסיפיסטיש, ווען מיר זיינען אַלס אַ פאָלק אַזוי נאָרמאַל געבויט ווי אַלע אַנדערע פעלקער — איז אַ אַבסטראַקטע ספּעקולאַציע, וועלכע קען אונז אַצינד ניט אינטערעסירען.

און צוליעב דעם עקאָנאָמישען מצב פון די אידען אין כמעט אַלע לענדער — צוליעב דער ניט נאָרמאַלער היסטאָרישער ענטוויקלונג, וועלכע האָט דעם רוב מנין ובנין פונ׳ם אידישען פאָלק געשטויסען, פאַרטריבען אין איין עקאָנאָמישען לאַגער דעם מיטעל קלאַס — וואָלטען אַלע באַוואוסטזיניגע אידען געמוזט זיין אָנהענגער פון די עוואָלוציאָניסטישע פאַרטייען און אידעאַלען, און ניט פון די רעוואָלוציאָנערע.

און אידען, מוז מען צוגעבען, זיינען אויך ס׳רוב עוואָלוציאָנערען און ניט קיין רעוואָלוציאָנערען. און ווידער אַמאָל: ניט ווייל דער אידישער נאַציאָנאַלער טעמפּעראַמענט איז אַזאַ שלום ושלוה׳דיגער, און קען ניט ליידען די בלוט־פאַרגיסונגען, וואָס קומען פאָר בשעת די פאַרשיעדענע רעוואָלוציעס און קאָנטר־רעוואָלוציעס. (דאָס הייסט אין בעסטען פאַל זיך אַליין קאָמפּלימענטען).

באוואוסטזיניגע אידען זיינען ס׳רוב געגען רעוואָלוציעס (ווי געגען מלחמות) פּשוט ווייל מיר זעהען און פאַרשטעהען ווי געפעהרליך זיי קענען זיין פאַר׳ן רוב אידען, ווייל עקאָנאָמיש (אויב ניט אידעאיש) מוזען מיר זיך געפינען נור אויף איין זייט פון דער באַריקאַדע, אַזוי צו זאָגען.

דער ענגלענדער, פראַנצויז, דער רוס, צי דער דייטש קענען ניט, ווי קאָנסערוואטיוו זיי זאָלען ניט זיין, אַזוי מורא האָבען פאַר אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע, ווי מיר אידען האָבען מורא, פּשוט דערפאַר, ווייל זיי ווייסען און פיהלען אַז די רעוואָלוציע דראהט איין קלאַס, איין טהייל זייערען, אָבער ניט זייער גאַנצען פאָלקס־אָרגאַניזם. אַז די רעוואָלוציע וועט זיעגען, ווייסען זיי אַז זייער אַרבייטער קלאַס, זייער פּראָלעטאַריאַט — אַ גרויסער און באַדייטענדער טייל פון זייער פאָלק — וועט בלייבען אויף זייער לאַנד, און בויען ווייטער זייער צוקונפט. אויב וועלכער ס׳איז רעוואָלוציאָנערער אידעאַל איז אַ געבאָטען לאַנד, ווייסען מיר אידען אַז מיר האָבען ניט קיין געזונטען פּראָדוקטיווען קלאַס וואָס זאָל צוזאמען מיט דעם פּראָלעטאַריאַט פון אַלע לענדער אַריינמאַרשירען אין דעם געבאָטען לאַנד.

די רוסישע רעוואָלוציע האָט אונז באַוויזען וואָס פאַר אַ גרויסע קרבנות און יסורים דאָס מיטעל קלאַס פאָלק האָט געמוזט באַצאָהלען, אפילו ווען עס זיינען גאַרניט געווען קיין ספּעציעלע אַנטי־אידישע געזעצען און עקסצעסען.

דאָס רוסישע אידענטהום איז אינגאַנצען דעקלאַסירט געוואָרען נור זיינע שרידי פּליטה — דאָס ביסעל אַרבייטער און דאָס ביסעל רעוואָלוציאָנערע אינטעליגענץ — האָט בשלום לעת עתה איבערגעלעבט דעם גרויסען רעוואָלוציאָנערען עקספּערימענט. און דאָס אייגענע — און אפשר אין נאָך קאַטאַסטראָפאַלערע פאַר אונז אידען פאָרמען — קען און וועט פאָרקומען אין אַלע אַנדערע לענדער.

און מיר שטעהען איצט פאַר דער גרויסער געפאַהר אַלס אַ פאָלק (אויסער אַ זעהר קליינעם פּראָצענט) זאָלען מיר בלייבען די מתי מדבר פין די סאָציאַלע איבערקעהרענישען.

איז דען אַ וואונדער פאַר וואָס אידען זיינען אינסטינקטיוו פאַר עוואָלוציאָנערע אידעאַלען און טאַקטיקס.

צוליעב אונזער נאַציאָנאַלער עקאָנאָמיק, צוליעב אונזער עקאָנאָמישען מצב זיינען מיר אָהן אַ ערך וועניגער ווי אַנדערע פעלקער צוגעגרייט צו אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע.

דער ראַציאָנאַלער אידישער נאַציאָנאַליזם פון די לעצטע פופציג יאָהר — אָנפאַנגענדיג פון פּינסקער׳ן און ענדיגענדיג מיט׳ן בונד און מיט באָראכאָוו׳ס פּועלי ציוניזם — האָבען פאַראויסגעזעהן די תקופה

אין וועלכער מיר לעבען אצינד, און די געפאהרען פאר וועלכע מיר שטעהן אצינד.

עס קלינגען איצט העכער און נביאישער ווי ווען עס איז פריהער באראכאוו'ס ווערטער:

„די סאָציאַלע רעוואָלוציע וועלען מיר אפשר ניט איבערלעבען".

מען האָט אונז געוואָרענט וועגען דער איצטיגער תקופה, איהרע גרויסע געפאהרען פאר אונזער פאָלקס-אָרגאניזם, אָבער די צוגרייטונגס ארבייט אונזערע איז געווען, קען מען זאָגען, א צו לאַנגזאַמע, א צו שלאָבעריגע — צו עוואָלוציאָניסטישע.

אונזערע דערגרייכונגען אין פאַלעסטינא, ווי הערואיש, זיינען איצט צו שוואך, זיי זאָלען מיט עפּעס ממשות'דיגעס פארלייכטערען און ראַטעווען אונזער פאָלק פון די געפאהרען פאר וועלכע מיר שטעהען אצינד.

עס קען זיין, אַז ניט די פיהרער און ניט דאָס פאָלק, האָבען פארשטאַנען ווי דרינגענד און לעבענסנויטיג עס איז א אידיש לאַנד, א אידישע טעריטאָריע.

פּאַלעסטינא איז געוואָרען פאַר אונז א שטיק נאַציאָנאַלע ראָמאַנטיק און ניט קיין לעבען אָדער טויט פראגע פאר'ן אידישען פאָלק. און דאָס אייגענע איז געשעהן מיט אונזער צווייטער גרויסער נאַציאָנאַלער אַרבייט: די פּראָדוקטיוויזאַציע (פּראָלעטאַריזירונג) פון די אידישע מאַסען אין די גלות לענדער.

אַט די גרויסע אַרבייט, וועלכע איז אַזוי ענג פאַרבינדען מיט דער בילדונג און ערציהונג פראַגע איז דורך אונז פאַרנאַכלעסיגט געוואָרען.

מיר האָבען זיך באַנוגענט מיט ריין-נאַציאָנאַלע און עסטעטישע אידישיסטישע און העברעאיסטישע שולען און מיט א מלחמת-מצוה צווישען אידיש און העברעאיש, און אַנדערע אַבסטראַקטע קולטור-פראַגען.

סאָציאַל אָבער דערציהען און איבערבויען די אידישע מאַסען ווי ווייט ס'איז מעגליך געווען — האָבען מיר פאַרגעסען.

מיט איין וואָרט, אונזער גאַנצע נאַציאָנאַלע אַרבייט פאַר די לעצטע פופציג יאָהר איז אין בעסטען פאַל געווען צו לאַנגזאַם. מיר האָבען ניט געוואָרט אַז דער קריזיס — אפשר דער גרעסטער אין אונזער געשיכטע — וועט אַזוי גיך קומען. מיר האָבען געוואָלט ווערען א נאָרמאַל פאָלק און געגליבען נור ביים וועלען.

און נור געזונטע און נאָרמאַלע פעלקער קענען דורכפיהרען און אויסהאַלטען רעוואָלוציעס.

איז דען א וואונדער פאר וואָס יעדער פון אונז איז און מוז זיין — סאידען ער וויל מפקיר זיין דעם גרויסען רוב פונ'ם אידישען

פאָלק אַלס „שטויב פון רעוואָלוציע" לויט טראָצקי'ס אויסדרוק — פאַר עוואָלוציע, פאַר אַ גראַדועלער, בהדרגה איבערבייטונג פון די באַנקראָטירטע געזעלשאַפטליכע און עקאָנאָמישע פאָרמען . . .

מיר זיינען אַלס אַ פאָלק ניט גרייט פאַר רעוואָלוציעס ; אין אַ עוואָלוציאָניסטישער געזעלשאַפט וואָלטען מיר זיך נאָך ווי עס איז געקענט ענטוויקלען זיך, צופאַסען זיך. לעבען מיר אָבער אין אַ צייט ווען אַלע עוואָלוציאָניסטישע רעפאָרמיסטישע און ליבעראַלע פאַרטהייען און אידעאָלאָגיעס ווערען צושמעטערט.

אין אַ צייט, ווען אפילו קאָנסערוואַטיווע פאַרטהייען און אידעאָלאָגיעס נעהמען אָן רעוואָלוציאָנערע פאָרמען כדי די אַלטע געזעלשאַפט צו ראַטעווען.

.3

מיר מוזען אונזער אייגען הויז אין ארדנונג ברענגען.

דער ערשטער און עלעמענטאַרסטער געזעץ אין יעדער היגיענע איז : האַלט דיין גוף און דיין אייגען הויז ריין בשעת אַ מגיפה. ד.ה., ריינקייט איז אַ נויטיגקייט שטענדיג, אפילו אין די נאָרמאַלסטע צייטען, ווען עס הערשען ניט קיין עפּידעמיעס. אָבער באַזונדער וויכטיג איז עס בשעת אַ מגיפה.

מיט קאַטשערעס און מיט בעזימער, מיט יללות, תעניתים און פאַרשיעדענע אבשפּרעכונגען, באַקעמפפט מען, היינטיגע צייטען, ניט קיין מגיפות, נור דער עיקר מיט אינערליכער און אויסערליכער ריינקייט.

האַלט ריין דיין גוף, דיין שטוב, דיין גאַס ! — דאָס איז דער עלעמענטאַרסטער געבאָט פון דער מאָדערנער היגיענע — און די פאַרשיעדענע מיקראָבען וועלען זיך צו דיר אַזוי ניט קלעפּען. און די מגיפות בכלל וועלען שוין ניט ווירקען אַזוי קאַטאַסטראָפאַל. ניט די איצטיגע מגיפות, און ניט די שפּעטעריגע.

און פונקט ווי עס זיינען פאַרהאַן פיזישע עפּידעמיעס, אַזוי עקזיסטירען סאָציאַלע און עטישע מגיפות.

סאָציאַל־עקאָנאָמיש קראַנקע סיסטעמען, פעלקער און לענדער, מוזען פון צייט צו צייט אויסברעכען אין אָט די סאָציאַלע מגיפות, וועלכע טראָגען די נעמען פון מלחמות, רעוואָלוציעס און קאָנטער־רעוואָלוציעס. די שטאַרקסטע און געזונדסטע פעלקער און לענדער (און דער כוח פון פעלקער שטעקט ניט אַזוי אין זייערע אַרמעען און כלי־זיין, נור אין זייערע אינערליכער שעפערישער ריינקייט, וועלכע מאַכט זיי פעהיגער אָנצונעהמען די נייע פּראָגרעסיווע פאָרמען פון לעבען) לעבען איבער די סאָציאַלע קאַטאַסטראָפעס מיט מינימום שאָדען פאַר זייער סאָציאַלען אָרגאַניזם.

די פיזיש און גייסטיג שוואַכערע פעלקער און קבוצים, ווידער, ליידען אַממייסטען פון די סאָציאַלע קאַטאַסטראָפעס: מלחמות, רע־וואָלוציעס און קאָנטער־רעוואָלוציעס.

אז מיר לעבען איצט אין אַ תקופה פון פאַרשיעדענע סאָציאַלע איבערקעהרענישען איז שוין, דאַכט זיך, אַלעמען קלאָהר.

די נאָרמאַלע צייטען פון עוואָלוציאָניזם און ליבעראַליזם, זיינען שוין אַוועק, און ווער ווייסט ווי גיך, צי שפּעט, אָט די רוהיגע צייטען, וועלען זיך אומקעהרען. די סיסטעמע, אין וועלכער מיר לעבען נאָך, ברעכט זיך איבעראַל, אין אייניגע לענדער קאַטאַסטראָפאַלער ווי אין אַנדערע. די נאָרמאַלע און געזונטערע פעלקער — די וואָס האָבען אַמוועניגסטען געליטען פון דער וועלט־מלחמה און פון דעם איצטיגען עקאָנאָמישען קריזיס — שטעלען אויף פאַרשיעדענע קאַראַנטינען, גאַרטלען זיך אַרום מיט „סאַניטאַרע שטריק“ כדי אָבצוהיטען זיך פון די רעוואָלוציעס און קאָנטער־רעוואָלוציעס.

אָבער קיין פאָלק, קיין לאַנד, קען זיך ניט אויסהיטען, און קיינער ווייסט ניט וואו און אין וועלכער פאָרמע דער נעכסטער — פאַשיסטישער צי קאָמוניסטישער — אויסברוך וועט זיין.

קיינער קען היינט ניט פאָראויסזעהן וואָס פאַר אַ פּנים אונזער וועלטעל וועט האָבען אין אַ פינף, צי אפילו צוויי יאָהר אַרום.

אין גאַנץ אייראָפּאַ זיינען איצט פאַראַן נור צוויי לענדער, וועלכע זיינען נאָך ווי עס איז מיט די לעצטע כחות, קאָנסטיטוציאָנעל און עוואָלוציאָניסטיש, פאַרגלייכמעסיג. די צוויי לענדער זיינען ענג־לאַנד און פראַנקרייך.

אָבער אויך אין די לענדער הערשט שוין אַ ניט־זיכערקייט. רעוואָלוציעס און קאָנטער־רעוואָלוציעס זיינען זעהר און זעהר אַנשטעקענדיג. באַזונדער ווען די סבות און די קראַנקע מיקראָבען זיינען איבעראַל אין דער לופטען.

די געזונטערע און שטאַרקערע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזמען, קעמפפען נאָך מיט דער „צייט־קראַנקהייט“, זיי גיבען זיך נאָך ניט אונטער, אָבער

ווי לאַנג וועלען זייערע ווידערשטאַנדס כחות אויסהאַלטען?
ברוטאַלע קלאַסען־אינטערעסען און נאַציאָנאַלע שטאָלץ (און ניט וועלכע עס איז קאָנסטרוקטיווע מענשליכע אידעאַלען), זיינען נאָך אַלץ די טרייב כחות פון דער היינטיגער געזעלשאַפט, כאָטש זיי האָבען זי צוגעפיהרט צו דעם איצטיגען שרעקליכען קריזיס.
טאָ, וואו קען מען זיכער זיין מיט'ן מאָרגען?

אָט אין אַזאַ צייט לעבען מיר אַצינד.
וואָס זשע קענען און מוזען אידען אַלס אַ פאָלק טהון כדי ווי עס איז איבערקומען אָט די שווידערליכע — כאָטש היסטאָריש אפשר די גרעסטע און וויכטיגסטע — תקופה פון רעוואָלוציעס, מלחמות און אַנדערע סאָציאַלע קאַטאַסטראָפעס?
וואָס קענען און מוזען מיר טהאָן כדי מיר זאָלען חלילה אַלס אַ פאָלק ניט ארויס „בשן ועין" פון דער איצטיגער טראַגישער עפּאָכע?
אַז מיר זיינען אַלס אַ פאָלק, לויט אונזער נאַציאָנאַלער און עקאָנאָמישער אָרגאַניזאַציע (אָדער בעסער: דיסאָרגאַניזאַציע) דאָס שוואַכסטע פון די פעלקער, דאַרפען מיר קיינעם (אויסער אפשר דעם פאַטאַלאָגישסטען אַנטיסעמיטיזם) שוין ניט דערצעהלען.
מיר אַליין ווייסען עס שוין, און פיהלען עס שוין צו גוט (און אפשר נאָך אַלץ ניט גענוג גוט?).
אויב עס זיינען געוועזען צווישען אונז אַזעלכע ראָמאַנטיקער וועלכע האָבען געגלויבט אין דער מאַכט פון דער אידישער מאַכטלאָזיגקייט (אין דער אידישער צושפּרייטקייט), וועלכע האָבען געגלויבט אין דעם אידישען איינפלוס א.אַ.וו., האָבען זיי לעצטענס געמוזט ביטער ענטוישט ווערען.
בלינדע סטיכישע רעוואָלוציעס, און באַרבאַרישע נקמה־דורשטיגע קאָנטער־רעוואָלוציעס, שאָנעווען ניט קיין יחידים, קיין גרויסע פּערזענ־ליכקייטען. (און וואָס איז געווען דער באַריהמטער „אידישער איינ־פלוס" אויב ניט אונזער גלויבען אין דער שתדלנות און הילף פון אונזערע „גרויסע אידען"?).
רעוואָלוציעס זיינען בלינד, אכזריות'דיג סײַ אין זייער גערעכ־טיגקייט און סײַ אין זייער אונגערעכטיגקייט. זיי שאָנעווען קיינעם ניט; ניט אפילו קיין איינשטיינס און ניט קיין האַבערס, ניט קיין ריינהאַרדטס, ניט קיין וואַלטערס און ליבערמאַנס...
גרויסע (און איינפלוסרייכע, ווי מיר האָבען געגלויבט) דייטשע אידען זיינען איצט אינ'ם ביטערסטען גלות.
און אפילו מיר זאָלען אָברעכענען דעם ספּעציעלען באַרבאַרישען

באַראַקטער פון דער היטלעריסטישער רעוואָלוציע, וועט דער סך הכל פון יעדער מעגליכער פאַשיסטישער רעוואָלוציע, וואו זי זאָל ניט אויס־ברעכען, בלייבען פאַר אונז אַ זעהר און זעהר טרויעריגער.

דאָס איז מכוח דעם אידישען איינפלוס (וועגען דעם אידישען איינ־פלוס אין די לענדער וועלכע זיינען נאָך ניט אונטער רעוואָלוציאָנערע רעזשימען און זייער הילף, וועלען מיר רעדען באַזונדער).

אָבער פיעל וויכטיגער פאַר אונז איז צו באַטראַכטען דעם טרויערי־גען שרעקליכען סך הכל וואָס רעוואָלוציעס האָבען אויף די אידישע מאַסען, אויפ׳ן רוב מנין ובנין פונ׳ם אידישען פאָלק.

מיר האָבען ערשט איבערגעלעבט און לעבען נאָך איבער, צוויי היסטאָרישע רעוואָלוציעס און פון די רעאַקציעס וואָס זיי האָבען איבער־געלאָזט אויף אונזער פאָלקס־גוף, קענען מיר זיך שוין פאָרשטעלען וואָס וועט בלייבען פונ׳ם אידישען פאָלק ווען דער ציקל פון רעוואָלו־ציעס, קאָנטער־רעוואָלוציעס (ווילדע און שטילע, גערעכטע און אונגערעכטע), און מלחמות, וועט זיך ענדיגען, און מיר וועלען צו זיי ניט זיין צוגעגרייט, ווי מיר זיינען ניט גרייט געווען פאַר די דערמאָהנטע צוויי רעוואָלוציעס.

די רוסישע רעוואָלוציע האָט דעם רוב פונ׳ם רוסישען אידענטהום דעקלאַסירט (און זיי געגעבען ביראַ־בידזשאַן אַלס אַ רפואה); די פאַשיסטישע רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד האָט דאָס דייטשע אידענטהום אי דעקלאַסירט און אי דענאַציאָנאַליזירט און... טרייבט זיי צו זעלבסט־מאָרד, אויב מיר וועלען צו זיי, צו די דייטשע אידען ניט קומען וואָס גיכער מיט קאָנסטרוקטיווער הילף. מיר זיינען ניט געווען גרייט פאַר די רעוואָלוציעס, און אפילו דער קליינער טהייל פון אונז, וועלכער האָט געוואוסט פון די געפאהרען, מיט וועלכע זיי דראהען אונז און האָבען אפילו אָנגעגרייט די דריי ראַדיקאַלע לייזונגען און אָבווענדונגען פון די געפאהרען (פאַלעסטינאַ, קאָלאָניזאַציע, און די פּראָדוקטיוויזאַ־ציע פון די אידישען מאַסען) האָבען זיך ניט געריכט אַז „ס׳וועט אַזוי גיך קומען"... איצט ווייסען מיר און פיהלען אַז די גרויסע איבערגאַנגס־צייט איז שוין געקומען.

זיינען מיר גרייט? טהוען מיר אַלעס און מיט די גרעסטע אָנ־שטרענגונגען אַלעס כדי מיר זאָלען קענען ביישטעהן די איצטיגע און קומענדיגע סאָציאַלע זאַווערוכעס?

מיט פראָטעסטען און געשרייען, מיט נאַציאָנאַלע יללות און תעניתים וועלען מיר ניט אָבשרייען די סאָציאַלע קאַטאַסטראָפעס. מיר מוזען אונזער הויז אַליין אין אָרדנונג ברענגען. ווי ברוטאַל און באַרבאַריש די „רעוואָלוציעס" זאָלען ניט זיין, און ווי גערעכט מיר זאָ־לען ניט זיין, טאָרען מיר אָבער איצט אפילו אויף איין רגע ניט פאַר־

געסען, אַז מיר זיינען אַלס אַ פֿאָלק ניט אינגאַנצען ריין, אַז די מיקראָ־בען פֿונ׳ם עקאָנאָמישען און נאַציאָנאַלען אנטיסעמיטיזם זיינען פֿארהאַן אין אונזער נאַציאָנאַלען אָרגאַניזם. אונזער נאַציאָנאַלער גוף איז צו גינסטיג פֿאַר די סאָציאַלע עפּידעמיעס.

מיר דאַרפֿען צום אַלעם ערשטען אונזער אייגען הויז אין אָרדנונג ברענגען!

4.

אונזער דערציהונגס־פֿראַגע.

„מיר מוזען צו אַלעם ערשטען אונזער אייגען הויז אין אָרדנונג ברענגען“.

איין קליינינקייט, אונזער הויז — דאָס אידישע לעבען — אין אָרדנונג ברענגען.

ערשטענס, איז דאָס, מישטיינס געזאָגט, אַ הויז, גאָרניט ווי ביי לייטען. קיין אמת׳ע און איינגעשטעלטע אָרדנונג וועט איהר איצט אין קיין לאַנד און ביי קיין פֿאָלק ניט געפֿינען; אַ פּשיטה שוין אינ׳ם צובראָכענעם אידישען לעבען. אַ הויז אָהן אַ דאַך, אָדער מיט אַ דאַך דורך וועלכען עס רייסען זיך אריין דונערען און בליצען און אַלערליי אָנשיקענישען ווי אַ שטיינער שטיינער פֿון בייז־ווילינע שכנים, אָדער פֿון שכנים, וואָס ווייסען ניט אויף וועמען זייער ביטער הארץ אויס־לאָזען, און לאָזען עס אויס צו אונז.

אָבער נאָך אונגליקליכער איז וואָס „אונזער הויז“ האָט קיין באַדען ניט. דאָס הייסט, לויט היינטיגע געזעצען, מוזען מיר צאָהלען אַ צו גרויסע „גראַונד רענט“ און די פֿארשיעדענע „לענדלאָרדס“ קענען אונז משלח זיין ווען זיי פֿאַרווילט זיך, אפילו ווען דער באַדען איז מיט אונזער בלוט און אונזערע טרעהרען דורכגעווייקט פֿון דור דורות...

דאָס איז דאָס אויסערליכע „שעהנע פּנים“ פֿון „אונזער הויז“.

און וואָס טהוט זיך אינעווייניג, זאָל מען שוין אָבגעהיטען ווערען: אַ שמאַדער און אַ אונאָרדנונג, וואָס מען קען ערגעץ אַזעלכעס ניט טרעפֿען.

אנגעוואָרפֿען און אנגעשליידערט אין אַלע ווינקעלאַך; אַלטע שמות און נייע ביכלאַך וואַלגערען זיך אומעטום. אין בערגלאַך מיסט

אין אַלע ווינקעלאַך וואָס יעדער וואָרט דער צווייטער זאָל אויסקעהרען. און אַ מיש־מאַש פון לשונות, און אַ מיש־מאַש פון פרנסות... פּעטע אידישע פרנסות... און אַלע — עלטערען און קינדער — דאָקטאָרען זיך... און דאָקטוירים, גרויסע און קליינע — האַלטען אין איין „וויזי־טען" דאָס הויז... יעדער פון זיי גיט אַן אַנדער עצה און די חולאים הערען זיי ווי דעם קאַטער. ביי איין טיש צעהלט מען געלט פון ביזנעס; ביים צווייטען שפּיעלט מען אויף סאַקסאָפאָנען; אין איין שטוב מאַכט מען קונסט, אין אַ צווייטען קולטיווירט מען סעקס־אַפּיל לשם קונסט און לשם פרנסה... אַ זיידע זיצט און קייט די באָרד איבער אַ גרויסער אַלטער גמרא און אַ אייניקעל אַ מתמיד, דרעהט אַ גראָבען פינגער איבער קאַרל מאַרקס „קאַפּיטאַל"...

און פּלוצלונג אַ טראַך. אַ שווערער שטיין פאַלט דורך'ן דאַך אין שטוב אַריין, דער באָדען גיט אַזש אַ ציטער. עס ווערט אַ רעש, אַ געפּילדער צווישען הויז־געזינד. איינער באַשולדיגט דעם צווייטען פאַר וואָס ער האָט מיט עפּעס אַנדערש דעם אַלטען אידישען דאַך ניט פאַרלאַטעט:

מיט בעסערע אַסימילאַציע, צי מיט גרינדליכערער אידישקייט... איינער שרייט, מען דאַרף זיך אַרויסציהען צו אַ בעסערען „לענד־לאָרד", אַ אַנדערער, מען דאַרף פאַרקלאָגען דעם אַלטען לענדלאָרד. מען שרייט אַ אייגען הויז... און מען שפּאַרט זיך וועגען דער געגענד... אַ דריטער שרייט, מען דאַרף וואַרטען ביז די שכנים וועלען ווערען לייטישער.

און אַזוי גוואַלדעוועט מען ביז... גאָט העלפט און די שטיינער הערען אויף צו פאַלען איבער די קעפּ (שטיינער האָבען אויך אַ טבע מיעד צו ווערען).

עס ווערט אַביסעל שטילער. און דער „נצח ישראל" קומט איבער די צרות ביז נייע צרות קומען אָן. און אַלעם געהט זיך אָן ווי געוועהן.

אָט אַזאַ אַ שטייגער פּנים האָט דאָס איצטיגע אידישע לעבען — אונזער הויז. און אפשר איז אויך דער „משל" צו בלאָס אין פאַרגלייך מיט'ן „נמשל" — דאָס איצטיגע, כמעט האָפנונגסלאָז אידיש לעבען.

פון וואָס זשע פאַר אַ ווינקעל נעהמט מען זיך פריהער רוימען? מיט וואָס פאַר אַ בעזים? מיט וואָס פאַר אַ דעזינפעקציע?!

אַז מען כאַפּט איין קיילעכדיגען קוק אויף אונזער גאַנצער איצ־טיגער בעל־הבית'ישקייט און אידעאישער פאַרוואָרלאָזקייט פאַלען אַזש די הענט אַראָב אין יאוש.

פון וואָס הויבט מען אָן פריהער?

פּאַלעסטינא, ביראָ־בידזשאַן, קאָלאָניזאַציע, פּראָדוקטיוויזאַציע און ווידער קאָלאָניזאַציע!

קיין בעסערע רפואות (איך גלויב אַז דאָס אַלעס איז אין דער אמת׳ען איין רפואה, צי איהר וועט עס אָנרופען „ציוניזם" אָדער „אידישער סאָציאַליזם" איז מיר קיין חלוק ניט) זיינען דאַכט זיך ניטאָ פאַר דער פאַרשאָלטענער און אייביגער אידען־פראַגע.

קיין בעסערע דיאַגנאָז און פּראָגנאָז ווי פּינסקער און באָראָכאָוו האָבען געגעבען זיינען לעת עתה ניטאָ. אונזער אונגליק איז, ווי איך האָב עס אין איינעם פון די פריהערדיגע קאַפּיטלען שוין געזאָגט, וואָס מיר האָבען די אַלע „רפואות" גענומען אין צו קליינע דאָזען. אָדער אינגאַנצען ניט גענומען, טרייסטענדיג זיך מיט׳ן באַוואוסטזיין אַז מיר האָבען אויף די פּאָליצעס אַזעלכע „גוטע רפואות".

מיר האָבען אָהן אַ ערך אינטענסיווער געמוזט אָנגעהן מיט דער נאַציאָנאַל־עקאָנאָמישער קאָנסטרוקטיווער ארבייט פאַר די לעצטע פופ־ציג יאָהר.

מיר האָבען ניט געוואוסט אָדער פאַרגעסען אַז מיר לעבען אין אַ שטורם ארעאַ, וועלכער קען ווערען פאַטאַל פאַר אונזער פאָלקס־אָרגאַניזם.

נאָך מעהר: אפילו די פון אונז וואָס האָבען עס געוואוסט — און דער איז אַ באַדייטענדער טהייל פון׳ם אידישען פאָלק — האָבען ניט געלעבט אין זייער אייגענעם פריוואַטען לעבען לויט זייערע אידע־אַלען, לויט דעם ווי זיי האָבען געגלויבט, נייע און נאָרמאַלע אידען דאַרפען לעבען.

און אין סך הכל האָבען אפילו אונזערע נייע און שטאָלצע אידען, אונזערע נייע און שטאָלצע אידישע מענשען נאָר פאָרטגעזעצט דעם קראַנקען אידישען גלות, לעבענדיג אַליין מיט דער גאַנצער פּסיכאָלאָגיע, מיט דער גאַנצער „מענטאַליטי" פון׳ם גלות אידען.

איהר וועט זאָגען: עס האָט אַנדערש ניט געקענט זיין; אין גלות מוז בלייבען ביים אידען די גלות־פּסיכאָלאָגיע, און נור נאָר־מאַלע נאַציאָנאַל־עקאָנאָמישע פאָרמען קענען שאַפען אַ געזונטע און נאָרמאַלע פּסיכאָלאָגיע ביי אַ יחיד און ביי אַ כלל. אין דער טענה שטעקט אַ גרויסער אמת, אָבער ניט דער גאַנצער אמת.

מיר האָבען דאָך מעהר געקענט און געמוזט לעבען לויט אונזערע אָנשויאונגען און אידעאַלען.

אַ ציוניסט וועלכער עקזיסטירט נור פאַר דער קרן קימת פּושקע און לעבט אין גלות ווי אַלע גלות־אידען מיט לופט פּרנסות און מאַכט זיינע קינדער פאַר „שלעכטע אסימילאַטאָרען" — איז קיין ציוניסט ניט, מעג ער אפילו לייענען ביאַליק׳ען אין ענגליש און אפילו אין

לשון קודש. און דער אידישער סאָציאַליסט — אמאַליגער און היינטי־גער — וועלכער האלט זיך אין איין אַרויפאַרבייטען, ווערט אַ פאַבריק־אנטעל און מאַכט זיינע קינדער פאַר אַדוואָקאַטען און דאקטוירים (צי זיי זיינען פעהיג דערצי, צי ניין) איז קיין סאָציאַליסט ניט.

אין בעסטען פאַל צאָהלען מיר נור „ליפ סערוויס" צו אונזערע אידעאַלען, אָבער לעבען, לעבען מיר אַזוי ניט־היגיעניש (פון אַ נאַציאָנאַל־עקאָנאָמישען שטאַנדפּונקט) ווי די אַלע אידען וועלכע מיר רופען מיט אַזאַ סנאָביזם גלות־אידען.

מיט שקלים און סאָציאַליסטישע בראָשורען קענען מיר ניט אויס־קויפען און פארדעקען דאָס קראַנק צעקריפּעלט לעבען אונזערס, וואו מיר זאָלען ניט זיין. מיר, אפילו דער באַוואוסטזיניגער טהייל פונ'ם אידישען פאָלק לעבען ניט לויט אונזערע אידעאַלען נור לויט'ן אַלטען אידישען גלות אימפּעט און אינערציע.

זעהען מיר דערפאַר צווישען אונז אַזוי פיעל מעקלער — וואָס רופען זיך ציוניסטען ד.ה. אָנהענגער פון אַ אידעאַל וואָס שטרעבט דאָס אידישע פאָלק צו מאַכען פאַר אַ פויערען און אַרבייטער פאָלק אויף אַ אייגען לאַנד; זעהען מיר אַזוי פיעל אידישע פאַבריקאַנטלאַך און קרעמער וועלכע האַלטען זיך פאַר סאָציאַליסטען ד.ה. אַלס אָנ־הענגער פון אַ אידעאַל וואָס שטרעבט דעם מיטעל־קלאַס אויסראָטען.

און עס מעג אויסזעהן ווילד־פּאַראַדאָקסאַל: אפילו אונזערע ערג־סטע אַסימילאַטאָרען האָבען אין דער אמת'ן ניט געלעבט לויט זייער „אידעאַל" פון אַסימילאַציע: זייער גאַנצער שטרעבען איז געווען צו אנטלויפען פון די אידישע געטאָס און פון אידישקייט, און זיי האָבען זיך אינסטינקטיוו אַזוי עכט־אידישליך געשאַפען נייע עקאָנאָמישע, אינטעלעקטועלע, אפילו אַסימילאַציאָנס געטאָס.

ווען מיר לייענען די היטלעריסטישע סטאַטיסטיק וועגען די אידי־שע דאקטוירים און פּראָפעסאָרען אין דייטשלאַנד, מוזען מיר קומען צום פיינליכען באַשלוס אַז דורות־לאַנג האָבען זיי זיך ניט אַסימילירט (צווישען דייטשען פויערטהום און אַרבייטער־קלאַס) נור זיי האָבען זיך נייע געטאָס געשאַפען. אפילו משומדים געטאָס!

אפילו די באַוואוסטזיניגע שיכטען פונ'ם אידישען פאָלק האָבען ניט געלעבט לויט זייערע אידעאַלען „ווי אַזוי צו לעזען די אידען־פראַגע"; פאַרקעהרט, זיי האָבען באַוואוסט און אונבאַוואוסט פאַרט־געזעצט דעם אייביגען אידישען גלות. היינט וואָס זאָלען מיר זאָגען פון די גרויסע אידישע ניט־באַוואוסטזיניגע שיכטען און מאַסען?!

פאַר וואָס איז עס אַזוי — איז עס ווייל דער גלות האָט שוין אַזאַ מיסטישע שליטה אויף אונז און אין אונזער בלוט?

אָדער איז עס אפשר, ווייל מיר האָבען פאַרנאַכלעסיגט און

איבערפלעכליך פאַרשטאַנען דעם עיקר פון אַלע עיקרים אין יעדער מענשליכער געזעלשאַפט — די ערציהונגס פראַגע? האָט מען אונז גוט און ראַציאָנאַל ערצויגען? און ווייסען מיר ווי אַזוי צו ערציהען אונזערע קינדער?
וועגען דער פראַגע וועלען מיר רעדען אין אַ נעכסטען קאַפּיטעל.

5

מיר מוזען זיך שוין צופאַסען צו די נייע סאָציאַלע פאָרמען.

עס מוז שוין, דאַכט זיך, אַצינד, ביי קיינעם קיין ספק ניט זיין, אַז אונזער איצטיגע סאָציאַל־עקאָנאָמישע אָרדנונג געפינט זיך אין אַ איבערגאַנג פּראָצעס, האַלט זיך אין איבערבויען; און אַז אַלע איצטיגע יסורים און פאַרפאָלגונגען זיינען פּראָדוקטען און סימפּטאָמען פון דעם פּראָצעס.

צי אָט די חבלי לידה פון דער נייער געזעלשאַפט, וועלען אין אַלע לענדער אָננעהמען קאַטאַסטראָפאַל־רעוואָלוציאָנערע פאָרמען, און צי דער איבערגאַנג פּראָצעס וועט אין איינעגע לענדער אריבערגעהן מעהר וועניגער בהדרגה עוואָלוציאָניסטיש, קען נאָך דערווייל קיינער ניט פאָראויסזאָגען.

זיכער איז אָבער אַז מיר זיינען אין דער סאַמער געדיכט פון אַ היסטאָרישער איבערגאַנג תקופה. עס איז אויך, דאַכט זיך, פאַר אַלעמען קלאָהר, אַז דער איבערגאַנג איז פון אַ קאַפּיטאַליסטיש־אינדיווידואַליסטישערווירטשאַפט, צו אַ מעהר ראַציאָנאַל־סאָציאַליס־טישער.

נאָך אַזעלכע עקאָנאָמישע קריזיסען, ווי דער איצטיגער, מיט די צעהנדליגער מיליאָנען ארבייטסלאָזע, וועלען שוין די היינטיגע דע־מאָקראַטיעס — דער ארבייטער קלאַס און די מיטעלע קלאַסען — ניט קענען איבערטראָגען.

די גרויסע, און דערווייל ניט פאַרענטפערטע פראַגע איז: צי די קומענדיגע סאָציאַליסטישע אָרדנונג וועט זיין אַ אינטערנאַציאָנאַלע צי אַ נאַציאָנאַלע; אַ אינטערנאַציאָנאַלע לויט דעם נאָך ניט אינגאַנצען קריסטאַליזירטען מוסטער פונ׳ם היינטיגען רוסלאַנד, אָדער לויט דעם פאַשיסטישען סאָציאַליזם, אין זיינע איצטיגע ערשטע רויהע און רעאַק־

ציאָנערע אויסערונגען.

ווער ווייסט, עס קען זיין, אז ס'וועט נאָך קומען צו אַ סינטעז צווישען דיביידע — צווישען קאָמוניזם און פאַשיזם.

(איז ניט דער רוסישער סטאַליניזם אויף וויפיל ער אונטערשיידט זיך פון טראָצקי'ס אלוועלטליכען סאָציאַליזם — אַ טריט נעהענטער צום טעריטאָריאַלען סאָציאַליזם?).

און ס'קען זיין, אז דער נאַציאָנאַליסטישער סאָציאַליזם וועט מוזען פלאַצען נאָך איידער עס וועט ווערען אויף אַן אמת סאָציאַליסטיש און טאַקע צוליעב זיין נאַציאָנאַליזם? עס קען זיין, אז די לעצטע און גרעסטע וועלט־מלחמה, וועט זיין ניט קיין קאַפּיטאַליסטישע, נאָר אַ נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע?

נור אין בעסטען פאַל איז דאָס אַ פראַגע פאַר סאָציאָלאָגען ספּעציאַליסטען און פאַר נביאים, פאַראויסצוזעהן וואָס פאַר אַ פאָרמען — נאַציאָנאַלע, צי אינטערנאַציאָנאַלע — וועט די קומענדע סאָציאַליס־טישע אָרדנונג אָננעהמען.

וואָס איז אָבער איצט, ווי געזאָגט, פאַר אַלעמען (אפילו פאַר קאָנסערוואַטאָרען און אינדוסטריאַליסטען) קלאָהר, איז אז אזוי אַנגעהן ווייטער קען מען שוין ניט, אז די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט פון פרייען האנדעל און פרייער קאָנקורענץ, האָט שוין איהר היסטאָרישע מיסיע דורכגעפיהרט, און אז די מאָדערנע טעכניק און די היינטיגע דעמאָקראַטיעס נויטיגען זיך ווי אין לעבען אין אַ נייער ראַציאָנאַלער פון שטאַאט וויסענשאַפטליך — קאָנטראָלירטער ווירטשאַפט.

און דאָס איז דאָס וויכטיגסטע, וואָס מיר אידען דאַרפען איצט געדענקען, אויב מיר, מיט אונזער אייגענאַרטיגען עקאָנאָמישען און נאַציאָנאַלען סטאַטוס, ווילען מיט דעם קלענסטען מעגליכען שאַדען, אַריבערגעהן צו די נייע סאָציאַלע פאָרמען, וועלכע קאָכען זיך איצט אויס אינ'ם שרעקליכען „שמעלץ־טאָפּ“.

מען זאָגט אויף אונז אידען, אז מיר זיינען געוואַלדיגע בריות אויף צופּאַסען זיך; איך ווייס ניט, עס קען זיין אז ס'איז אמת. אָבער אויב יאָ, דאַרף איצט מאָביליזירט און אָנגעשטרענגט ווערען אונזער גאַנצע נאַציאָנאַלע גאונות פאַר צופּאַסען זיך.

יעדער טראָפּען פון אונזער פאָלקס לעבענס־פעהיגקייט, און לעבענס ווילען, דאַרפען איצט אָנגעשטרענגט ווערען, כדי מיר זאָלען ניט צוריבען ווערען צווישען די אייזערנע קרומע צייהן פון דער היסטאָרישער רעוואָלוציע, אין וועלכער מיר זיינען שוין אַריינגעכאַפּט.

די גאַנצע און די בעסטע ענערגיעס פונ'ם אידישען פאָלק דאַרפען איצט זיין אויף דער וואך אין יעדער מינוט און רגע פון דער גרויסער עפּאָכע, אין וועלכער מיר לעבען אצינד.

אויף נסים קענען מיר זיך שוין ניט פאַרלאָזען; און ביי מאַשינען און סיסטעמען, בעט מען ניט קיין רחמים. באַוואוסטזיין, קלאָהרקייט און ענערגישע, ווייט־זעהענדיגע ארבייט!

ווייל מיר אידען האָבען אָהן אַ ערך מעהר ווי אַלע אַנדערע פעלקער צו פאַרלירען פון די אַלע רעוואָלוציעס; און אפשר אינגאַנצען צו פאַרלירען און פאַרשפּילען די קומענדיגע אָרדנונג, אויב מיר וועלען ניט זיין אויף דער וואך, אויב מיר וועלען אַצינד ניט אַנשטרענגען אַלע אונזערע שעפּפערישע כחות.

און כפל כפלים מוזען איצט זיין אונזערע אַנשטרענגונגען — ניט נור ווייל מיר קענען און וועלען אממייניסטען ליידען, נור אויך צוליעב פּאָזיטיווע קאָנסטרוקטיווע טעמים.

מיר מוזען זיין גרייט פאַר די צוויי מעגליכע נייע אָרדנונגען, צווישען וועלכע די היינטיגע פעלקער וואקלען זיך: די נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע; און די אינטערנאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישע.

פאַר דער ערשטער מעגליכקייט איז דאָ ביי אונז איין הויפּט רפואה: אַ אייגען לאַנד! אונזער אייגען לאַנד. איז באַשערט די מענשהייט זאָל נאָך מאכען דעם טראַגישען (ווי מיר גלויבען) עקספּערי־מענט פון נאַציאָנאַלען סאָציאַליזם, און יעדעס פאָלק וועט זיך פּראָווען סאָציאַליזם ביי אַ „אייגענעם טיש" דאַן מוזען מיר וואָס ענערגישער און אינטענסיווער אָנגעהן מיט דער בויאונג פון אַ „אייגענעם טיש".

אַלע שטאַאַטסמענערישע כחות, וואָס מיר פאַרמאָגען נאָך אַצינד, און אַלע מיטלען — מאַטעריעלע און הויפּטזעכליך אידעאַליסטישע — מוזען איצט אָנגעשטרענגט ווערען פּאַלעסטינא זאָל ווערען אונזער נאַציאָנאַלע היים. דורך'ן פעלקער בונד, און דורך די פריינדליכסטע באַציהונגען מיט די אַראַבער (וועלכע זיינען נאָבעלער און מענשליכער ווי די היטלעריסטען) און אויסנוצענדיג דעם טראַדיציאָנאַלען „גוטען ווילען" וואָס ענגלאַנד האָט איצט צו אידען — מוזען אונזערע אמת'ע ווייט־זעהענדיגע פאָלקס־פיהרער, און פאָלקס פּאַרטהייען זעהן דער־גרייכען דעם מאַקסימום וואָס איז מעגליך צו דערגרייכען אין פּאַלעס־טינא.

דאָס לאַנד און לאַנד בכלל . . . מדבריות דאַרפען מיר איצט גרייט זיין צו פאַראקערען מיט אונזערע לעבענס, אבי צו קריגען אייגענעם עהרליכען באָדען, אַבי צו געבען אַ אמת'ע געזונטע צוקונפט אונזערע קינדער.

און צווייטענס: מיר מוזען רעווידירען, ניין רעוואָלוציאָניזירען אונזער גאַנצע ערציהונג־סיסטעמע, וועלכע איז אַ ווילדער פּראָדוקט פון דער ביז איצטיגער אָרדנונג בכלל, אויף וויפיעל זי האָט זיך אָבגערופען אויף דער אידישער פסיכיק.

און די ערציהונג־פראגע (אין הויז און אין שולע) איז אצינד די צווייטע לעבענס־וויכטיגע פראגע אויף אונזער סדר היום. צי ס'וועט קומען א אינטערנאציאנאלער צי א נאציאנאלער סאציאליזם, דארף אבער יעדען אידען זיין קלאהר, אז ער קען שוין זיין לעבען און דאס לעבען פון זיינע קינדער, ניט איינארדנען לויט זיינע און זייערע אינדיווידועלע אויסוואהלען און השגות.

גוט צי שלעכט, נור עס מוז קומען א געזעלשאפט, וועלכע וועט זיין ראציאנאל און וויסענשאפטליך ארגאניזירט. א מאשין־געזעלשאפט, אין וועלכער יעדער מענש וועט מוזען זיין א נויטיג שרייפעלע.

די אידישע עמאנציפאציע, וועלכע איז אבגעמעקט געווארען אינ'ם איצטיגען דייטשלאנד, און ווערט אצינד געדראהט אין אלע לענדער, איז געוועזן א פראדוקט פון דער פראנצויזישער רעוואלוציע און פון דער בורזשואזער פרייהייט, וואס זי האט געלאזט בירושה. ס'איז געוועזן נאטירליך, א געזעלשאפט, וועלכע האט געגלויבט אין אינדיווידועלער קאנקורענץ, פרייען האנדעל און ממילא ליבעראליזם, זאל אויך אידען צואווארפען בירגער־רעכט . . .

אידען האבען אויסגענוצט זייער פרייהייט — און באזונדער אין די פארטגעשריטענע מערב אייראפעאישע לענדער אויף וויפיעל זיי האבען נור געקענט. און נאך מעהר ווי זיי האבען געקענט. אפשר טאקע, ווייל זיי זיינען געוועזן צוגעפאסט צו דער קאפיטאליסטישער סיסטעמע, ווייל אין מיטעלאלטער האט מען זיי פארבאטען צו זיין בעלי מלאכות און זיי זיינען אזוי ארום ניט ווילענדיגערהייד געווארען די זוימען פון דער איצטיגער קאפיטאליסטישער ארדנונג; און אפשר אויך צוליעב אונזער פארשפרייטונג זיינען אידען, נאטירליך, געווארען גוטע סוחרים, און האבען זיך ווי פיש אין וואסער (ווי אונזערע שונאים זאגען) געפונען אין דער קאפיטאליסטישער ארדנונג.

נור ווי ס'זאל ניט זיין, געהט שוין די צייט — פון מיטעל־קלאס ליבעראליזם און פון פרייעם ניט קאנטראלירטען האנדעל — אריבער. און אט דער באוואוסטזיין דארף איצט דורכגעהן דורך די מארך און ביינער פון יעדען אידען.

ניט פעהיגקייטען, נור נוצליכקייט איז די טרייב־קראפט פון אונזער צייט שוין. לופט־פרנסות, האנדעל־וואנדעל, געניאלער אימפעט — אמאל אין די גוטע פעטע ליבעראלע יאהרען, זיינען דאס געוועזן מעלות; היינט קוקט מען אויף זיי ווי אויף חסרונות, ווער שמועסט, ווען זיי, די מעלות, באלאנגען צו „פרעמדע“. די צייט פונ'ם „סעלף מעיד מען“ געהט שוין אוועק; די געזעלשאפט וועלכע ווערט איצט געבוירען אין אזעלכע יסורים, שטרעבט און זוכט אליין צו „מאכען“ און קאנ־

טראַלירען איהרע מענשען. ווי שאַף אונטער'ן פּאַסטוך'ס רוט, וועלען מענשען געטריבען ווערען אונטער קאָנטראָל פון שטאַאַטען און אַז אַך און וועה וועט זיין די שווארצע פּארבלאַנדזשעטע שאָף . . .

אויך אויף די אינטעליגענטע און פרייע פּראָפעסיעס, וועלכע האָבען באַחנ'ט און באַציהרט די אַלטע געזעלשאַפט, קומען איצט שווערע צייטען.

די נייע געזעלשאַפט וויל ניט וויסען פון מענשען דעקאָראַציעס, פון צאַצקעדיגע פּארשוינען, זיידענע נפשות. נור פון זייער נוצליכקייט, פּראָדוקטיוויטעט און ווידער אַמאָל נוצליכקייט. די ווערטען האָבען זיך שוין געביטען און דער אינזשעניער איז שוין מעהר אַריסטאָקראַט ווי דער דאָקטאָר צי פּראָפעסאָר. קיין ממלכת כהנים וועט ניט קענען עקזיסטירען. און ניט קיין ממלכה פון קינסטלער, פּאָעטען און מוזיקער.

עס איז געווען נאַטירליך אין אַ צייט פון פרייער קאָנקורענץ, ווען ס'איז געווען כמעט די אויפגאַבע פון יעדען יחיד זיך צו רייסען צום אייבען־אָן פון דער געזעלשאַפט. און אידען מיט זייערע מיט אימפּעט אָנגעבלאָזענע ווינט־פליגלען און מיט זייערע פון נויט געשאַרפטע מחות, האָבען אָפט געוואונען דאָס געיעג.

געוואָרען קאַפּיטאַנען פון אינדוסטריע, באַריהמטע אַדוואָקאַטען, זשורנאַליסטען און דאָקטוירים.

און דער עיקר שטענדיג געווען אין געיעג.

אָבער איצט, ווערען אָט די אַלע בריה־שאַפטען שוין ניט אידעאַליזירט. פּאַרקעהרט. דער אייבען־אָן בייט זיך, קעהרט זיך איבער און אויך פעלקער האָבען ליעב צו לערנען זיך גאַלען אויף פרעמדע בערד.

אידישע קאַפּיטאַליסטען און אידישע אינטעלעקטואַלען וועלען זיין די ערשטע קרבנות. אַלענפאַלס, טאָרען מיר שוין ניט לעבען מיט חיי שעה, מיר דאַרפען זיך און אונזערע קינדער צוגרייטען פאַר'ן מאָרגען. מיר דאַרפען זיך און אונזערע קינדער — צוגרייטען פאַר די נייע סאָציאַלע פאָרמען, וועלכע שמידען זיך אַצינד.

דאָס דאַרף זיין דער לייט־מאָטיוו פון אונזער נייער ערציהונגס־סיסטעמע, ניט די שפּראַכען־פראַגע, ניט וועלכע ס'איז גראַמאַטיקאַ, ניט וועלכער ס'איז דיפלאָם, און אפילו ניט וועלכע עס איז נאַציאָנאַלע מיסיע נור — „אויב ניט נאָך העכער": נוצליכע פּראָדוקטיווע בירגער אויפצוברענגען דאַרף איצט זיין די הויפּט־אויפגאַבע פון אידישע עלטערען, אידישע לעהרער און אונזער געזעלשאַפטליכער טהעטיגקייט בכלל.

6

צופיעל פעהיגקייטען און טאלאנטען.

ניט נור מעגען מיר, נור מיר מוזען זיך אליין זאגען דעם אמת: ס'איז אין א געוויסען זין א גליק פאר אונז וואס דער היטלעריזם האט אנגענומען בנוגע דער אידען־פראגע אין דייטשלאנד אזא באר־בארישע און אומגעלומפערטע שטעלונג.

ס'איז אז אך און וועה צו אונזערע גליקען, אבער ס'איז דאך אין א געוויסען זין א גליק:

ווען דער היטלעריזם געהט צו קאנסטרוקטיווער, מענשליכער צו דער אידען־פראגע אין דייטשלאנד, און נעהמט ניט אן אט זיינע איצ־טיגע הונישע, בארבארישע פארמען וואלט ער זיכער געהאט א „שטארקע קיים" ווי מען דריקט זיך אויס אין ענגליש, געגען די דייטשע אידען. ווען די נאצישע פאליטיק פון „גלייכסהאלטונג" געגען די דייטשע אידען, וואלט ניט געווען גלאט א שעהנער נאמען פאר זייערע פינסטערע מיטעלאלטערליכע מעשים, וואלטען זיי אפשר געווען די גערעכטע אין די אויגען פון דער וועלט, און ניט מיר.

נור אזוי ווי מיט זיין „גלייכסהאלטונג" איז אט דער האלב דעמאקראטישער און פאנאטישער יונקער היטלער אויסען אין דער אמת'ען נור אויסצוראטען דאס דייטשע אידענטהום כלחוך השור, איז דאס געוויסען פון דער וועלט (אויף וויפיעל ס'איז דא אזא זאך) אריבער אויף אונזער זייט.

דער גרויסער פראנצויזישער שרייבער, פלאבער, האט געהאט געזאגט: „דער אופן, ווי אזוי א אמת ווערט ארויסגעזאגט, איז פיעל נוצליכער פאר דער מענשהייט ווי אפילו דער אמת גופא". דאס ביסעלע אמת, וואס דער היטלעריזם האט, סאי בנוגע דעם ווערסאי־שלום, און סאי בנוגע די דייטשע אידען, האט ער ארויסגעזאגט און ארויסגעוויזען אין אזא אומגעלומפערטער ווילדער און מיאוסער פארמע אז ער און זיין „שטיקעל אמת" זיינען איצט א געפאהר פאר דער גאנצער מענשהייט, פאר אלע פעלקער.

ווען דער היטלעריזם וואלט געווען אביסעל קאנסטרוקטיווער, מענשליכער און ציוויליזירטער, ווען ער וואלט אנגעוויזען אויף דער אנאמאלער און אבנארמאלער עקאנאמישער און גייסטיגער לאגע פונ'ם דייטשען אידענטהום, ווען ער וואלט אנגעוויזען אזוי ווי רוזוועלט דא אנומעלטען אז אידען נויטיגען זיך אין „אן אינערליכען עקאנא־מישען באלאנס" און ער וואלט דאן אנגענומען א אמת'ע „גלייכס־

האלטונג" פּאָליטיק בנוגע די דייטשע אידישע בירגער, וואָלט די אלוועלטליכע געזעלשאַפטליכע מיינונג אפשר געווען מיט איהם און א גרויסער טהייל אידען אליין — און דוקא אפשר די בעסטע אָט די וואָס שטרעבען איבערצובויען דאָס אידישע לעבען — וואָלטען אַ סך געגען אזאַ קאָנסטרוקטיווער פּאָליטיק ניט געקענט אויסזעצען.

אָבער זיין אידיאָטישע ראסען־טהעאָריע, און נאָך מעהר דער יונקערישער באַרבאַריזם, האָבען היטלערס רעזשים אַוועקגעזעצט אויף דער באַשולדיגונג־באַנק פון דער געשיכטע. די געשיכטע האָט פאַראורטהיילט די שפּאַנישע אינקוויזיציע און וועט נאָך שטאַרקער פאַראורטהיילען די היטלער־אינקוויזיציע פון׳ם צוואַנציגסטען יאָהר־הונדערט.

אָבער דאָס אַלעס באַרעכטיגט אונז אידען ניט אַצינד אַרומצוגעהן ווי קדושים, ווי אבסאָלוטע אומשולדיגע קרבנות, ווי דער טראַדיציאָנעלער מאַרטירער צווישען די פעלקער.

אַרומגעהן און טענה׳ן ווי שלום עליכם׳ס יתום: אונז איז גוט מיר זיינען מאַרטירער, מען האַלט אונז אין איין פאַרפאָלגען! — וועט אונז אַ סך ניט העלפען להבא . . .

עס קען זיין, אַז אידען אַלס אַ פאָלק בכלל האָט אַזוי וועניג פּראָגרעסירט אין זיינע פּרובען זיך איבערצובויען, נאָרמאַל צו ווערען, אָט טאַקע דערפאַר ווייל די פעלקער האָבען זייערע „אמת׳ען" וועגען אונז שטענדיג אַרויסגעזאָגט דורך ברוטאַלע באַרבאַרישע רדיפות; און מהאי טעמא האָבען מיר זיך שטענדיג געפיהלט מעשה „שה תמים ישראל" ווי אַ אונשולדיגע לעמעלע איז דאָס פאָלק ישראל צווישען בייזע וועלף — די אומות העולם.

אין די נאָרמאַלע שטילע צייטען, קריטיקירען מיר אַליין אונזערע „פאַראנדקעס" און זיטען, אָבער ווי נור מען הויבט אונז אָן יאָגען, אַזוי דערפיהלען מיר זיך מעשה צדיקים און שרייען „גוואַלד וואָס ווילען די רשעים פון אונזערע יאָהרען"?

פּסיכאָלאָגיש איז עס אַ נאַטירליכע רעאַקציע, אָבער ווי שוין אַ סך מאָל געזאָגט, האָבען אונז די מאַרטירער־געשרייען וועניג וואָס געהאָלפען.

מיר טאָרען ניט פאַרלירען דעם קריטישען חוש צו זיך אַליין, אפילו אין אַזאַ עת צרה ווי די איצטיגע איז. וואָס מיר מוזען געדענקען איז, אַז דער היטלעריזם וואָלט געהאַט אַ „קיים" געגען די דייטשע אידען, ווען ער איז קאָנסטרוקטיוו און מענשליך און ניט אַזוי גיפטיג און באַרבאַריש.

ווען מיר הערען און לייענען וועגען דעם אונגעהויערען גרויסען פּראָצענט פון אידישע דאָקטוירים, אַדוואָקאַטען, קאָמערציאַל־ראַטהען און געלעהרטע אין דייטשלאַנד, מוזען מיר זיך אַצינד אָנשטרענגען און פאַרגעסען אָן די גיפטיגע בלבולים וואָס די נאַצים מאַכען אויף

זיי, און פאר זיך אליין מודה זיין, אז ס'איז עפעס ניט גלאט מיט דער אידישער פסיכיק און מיט'ן אידישען לעבענס שטייגער, און דער עיקר מיט דעם אופן ווי אידען האבען אויפגעבראכט און ברענגען אויף זייערע קינדער.

און דאס איז נאך מעהר ווי א הונדערט יאהר אידישע עמאנציפאציע (און אסימילאציע) אין דייטשלאנד.

און דאס איז פופציג יאהר נאך דר. פינסקער'ס „אויטא־עמאנציפאציע".

האבען מיר גארניט געלערענט נאך די הונדערט און פופציג יאהר?

וועלען מיר, די אידען אין אנדערע לענדער, אויך גארניט אבלערנען פון די לעצטע געשעהענישען אין דייטשלאנד?!

די טענה — אונזערע און אונזערע פריינדס — אז מען פארפאלגט אונז פשוט ווייל מיר זיינען צו פעהיג, צו שטארקע קאנקורענטען, מעג האבען אין זיך א קערן אמת, אבער ניט זי איז אינגאנצען אמת, און די טענה איז שוין אויך ניט אזוי גילטיג ווי אמאל ווען דער גלויבען אין אינדיווידואליזם איז נאך געווען גאנץ.

די אידישע געשיכטע, דער גלות, האבען פארשארפט דעם אידענס קאמפפס פעהיגקייטען. לויט דעם דארווין־טהעאריע פון צופאסען זיך צו דער סביבה, און אויסדויער פון דעם פעהיגסטען מין, האבען זיך ביי אונז געמוזט אויסארבייטען שארפערע און געשיקטערע קאמפפס מיטלען.

די געזעלשאפט פון אינדיווידועלער קאנקורענץ אין וועלכער מיר לעבען נאך, האט אויך ווי צושפיעלט אידען, א דאנק זייער געשיכטליך פארשארפטער אינסטינקט פאר קאנקורענץ, זאלען ארויפשטייגען, ארויפארבייטען זיך צו די אויבערשטע שיכטען פון דער געזעלשאפט.

אבער ניט מחמת אונזערע געבוירענע נאטירליכע פעהיגקייטען, ווי א דאנק אונזער קאמפף־טראדיציע.

דערפאר האבען מיר אידען אצינד אפשר טאקע מעהר ווי די אנדערע שעפפערישע פעלקער טאלאנטען און ווירטואזען און וועניגער ווי זיי עכטע גאונים.

טאלאנטען קען מען אויסארבייטען, קולטיווירען; גאונים ווערען געבוירען.

יעדער איד האט טאלאנט! א איד קען יעדע זאך ווערען. און נאך בעסער ווערען ווי דער ניט־איד. דער באריהמטער אידישער

„לאָזט מיר“. שרייבען, מאהלען, שפּילען — אַ טהייערע מציאה, לאָזט מיר!

און אויב אַט דאָס שטרעבען ארויסצואווייזען זיך איז ניט דער לייטמאָטיוו פון אונזער ערציהונג־סיסטעם (ערציהונג־סיסטעמען האָבען מיר איבערהויפּט קיינמאָל ניט געהאַט) איז עס אָבער דער הויפּט גע־דאַנק, דער הויפּט ציעל פון אַלע, קען מען זאָגען, אידישע עלטערען.

קיין אידישע טאַטע מאַמע וויל ניט מאַכען פון זייערע קינדער סתם געוועהנליכע נוצליכע בירגער, נור עפּעס גרויסעס און אויסער־געוועהנליכעס.

אַ גרויסער! — איז אַ אידישער שם התואר. אַ גרויסער דאָקטאָר, אַ גרויסער גביר, אַ גרויסער רב, אַ גרויסער פּראָפעסאָר. און ניט נאָר דאָס: וואָס פאַר אַ אידישער „טראַכט“ איז עס ניט אַ וויגעלע פאַר׳ן קומענדיגען משיח . . . און דאָס מערקווירדיגע איז, אַז אַלע מינים אידען אונזערע, פון די לינקסטע ביז די רעכטסטע, פון די נאַציאָנאַלסטע ביז די אַסימילירטסטע זיינען „עכט אידישליך“ ווען ס׳קומט צו דער ערציהונגס־פראַגע.

דער אָרטאָדאָקס וויל מאַכען פון זיין קינד אַ ווילנער גאון; דער ציוניסט אַ דר. הערצל; דער סוחר אַ ראָטשילד אַ באַראָן; דער בונדיסט אַ צווייטען לאַסאַל; דער אינטעליגענט — אַ צווייטען היינע און דער אידישער אַסימילאַטאָר חלום׳ט אויך גאַנץ אידישליך זיין קינד זאָל ווערען אַ נייער ביקאָנספילד.

פון קיין געוועהנליכע, נאָרמאַלע קינדער (וועלכע זיינען אגב גליקליכער ווי די אָנגעפּאָמפּעטע „גרויסען מענשען“) קלעהרט גאָר קיין איד ניט.

גיב איהם נור דאָס גרעסטע און דאָס בעסטע! אמת ער מיינט עס אָפט ניט אַזוי פאַר זיך, ווי פאַר דער וועלט „זיי צו ווייזען ווי גרויס, קלוג און געטריי מיר זענען“.

אָבער דער עיקר: גרויס. יעדער איד כמעט האָט אַ גרויסקייט־מאניע!

דער ביטערער גלות האָט געזוכט אַ תקון און געפונען — ווי אַמאָל — אָדער אַ מיסיאָן, אָדער אַ גרויסקייט־איינרעדעניש; די נויט האָט אונז געלערענט אַז מיר מוזען זיין שאַרפער ווי אונזערע שכנים אין דער מלחמת־החיים. די איצטיגע קאָנקורענץ־געזעלשאַפט האָט אונז, און אונזערע גערירשנ׳טע אינסטינקטען, שטאַרק צוגעהאָלפען.

אָבער אַלס פאָלק האָט אונז כמעט רואינירט אַט די ערציהונג „סיסטעמע“ אונזערע.

מיר האָבען זיך אַליין פרייוויליג פאַרשפּאַרט אין אַ עקאָנאָמישער

געטאָ! מיר זיינען געוואָרען אַ פאָלק פון סוחרים און אלערליי טאַלאַנ־טען!

און ווער ווייסט צי אפילו די שעפּפערישע כחות פון אַ פאָלק ווערען ניט אָרימער דורך אַ שפע פון טאַלאַנטען. אזוי פיעל קראַנטען און אזוי וועניג לעבעדיגע נאַטירליכע קוואַלען!

7

אונזער עקאָנאָמישער זעלבסט-שוץ.

אויב ס'איז ביי אונז ניט געווען — און ס'האָט ניט געקענט זיין — אַ פּאָזיטיווע נאַציאָנאַלע עקאָנאָמיק ווי ביי נאָרמאַלע טעררי־טאָריאַלע פעלקער, האָבען מיר אָבער כמעט שטענדיג געהאַט אַ נעגאַ־טיווע, קען מען עס אפשר אָנרופען, נאַציאָנאַלע עקאָנאָמיק.

דער איד האָט געבויט זיין קאַריערע און די קאַריערע פון זיינע קינדער, ניט נור צוליעב זייערע אייגענע ציעלען און השגות נור אויך — אָפטמאָל נור אינסטינקטיוו און האַלב באַוואוסטזיניג — צוליעב כלל ישראל אינטערעסען.

און די נאַציאָנאַלע כלל ישראל אינטערעסען זיינען ס'רוב געווען זעלבסט־שוץ אינטערעסען.

דער ענגלענדער, פראַנצויז, דייטש, א.אז.וו., פלעגט אויסקלויבען און קלויבט אויס אַ פאַך פאַר זיך און זיינע קינדער לויט די אינטערעסען פאַרדערונגען פונ'ם קלאַס און פונ'ם באָדען אויף וועלכען ער איז אויסגעוואַקסען.

דעם אידען'ס אויסוואַהל פון אַ פּראָפעסיע, פון אַ פאַך, האָט געטראָגען אויך אַ נאַציאָנאַלען זעלבסט־שוץ כאַראַקטער. כלפּי חוץ.

אידען האָבען געהאַנדעלט מיט געלד ניט נור ווייל מען האָט זיי אין מיטעל־אַלטער, צום ביישפּיעל, ניט צוגעלאָזט צו די פאַרשיעדענע צעכען, און ניט נור ווייל זיי, די אידען, האָבען אזוי ליעב געלד (כאָטש פון לא לשמה איז געקומען צום לשמה — און אידען האָבען, ניט צו פאַרזינדיגען, גאָרניט פיינט קיין געלד) נור אויך ווי געזאָגט צוליעב נאַציאָנאַלע זעלבסט־שוץ מאָטיוען.

מיט געלד פלעגט מען זיך אויסקויפען פון די ביטערסטע גזירות;
„וואָס איז אַ איד אָהן געלד“ . . .

אידען אין די אַמאָליגע געטאָס האָבען געמוזט האָבען געלד; געלד איז אין אַ געוויסען זין געוואָרען אונזער נאַציאָנאַלע אַמוניציע — צוליעב פּדיון שבוים . . . צוליעב די אונגעהויערע צינזען מיט וועלכע די קירכע און די פּארשיעדענע פּרינצען פּלעגען זיי באַלאָדען.

דער איד מיט געלד איז אַזוי אַרום געוואָרען דער שטאַאַטסמאַן פון דער געטאָ. דער שטאַאַטסמאַן פון דער געטאָ און דער גענעראל. מיט געלד און דורך געלד האָט ער געקענט צוקומען צו די פּרינצישע און פּויפּסטליכע הויפען און בעטען זיך פאַר זיינע אידען, און משתדל זיין זיך פאַר זיי.

איז טאַקע דעריבער גאַר קיין וואונדער ניט וואָס די אָרימע אידישע געטאָ־מאַמע פלעגט חלום'ען איהר קינד זאָל ווערען אָדער אַ רב אָדער אַ גביר בישראל.ביידע זיינען זיי געווען די קאָמאַנדירען פון דער איינגענאַרטיגער אידישער זעלבסט־שוץ; די אָבהיטער פונ'ם קיום העם. נאַטירליך איז פון לא לשמה געקומען צום לשמה. און מיר קענען זאָגען אַז געלד איז שוין געוואָרען ביי אונז אַ ענין — און אַ געשמאַקער — פאַר זיך אַליין.

אָבער אַ שטיק נאַציאָנאַלע געוועהר איז עס געווען ביי אונז און איז עס נאָך עד היום אין די אָבגעשטאַנענ'ערע אידישע ישובים אין די אָבגעשטאַנענע לענדער. און עד היום קען מען געפינען נאַציאָנאַלע זעלבסט־שוץ מאָטיווען, כאָטש אינסטינקטיווע ס'רוב, אין אונזער אידישען אויסוואהל פון פּראָפעסיעס און קאַריערעס.

דער איבערגאַנג פון געלד און האנדעל פאַכען צו אינטעליגענטע פּראָפעסיעס, איז שוין אַ פּראָדוקט פון דער אידישער עמאַנציפּאַציע און השכלה באַוועגונגען.

עס האָט זיך אויסגעאַרבייט ביי אונז די פּסיכאָלאָגיע (און אין אונזער געזעלשאַפט איז עס נאַטירליך) אַז פאַר אַ אידישען דאָקטאָר, פאַר אַ אידישען אדוואָקאַט, צי פאַר אַ אידישען מוזיקער, האָבען די אומות העולם מעהר דרך ארץ, מעהר אפשיי ווי פאַר אַ אידישען שניידער, שוסטער, סטאָליאַר אָדער פאַבריק־ארבייטער.

אויך די תמימות־דיגע אידישע עלטערען מיינען אַז „ס'איז בעסער פאַר אידען" זייער זוהן זאָל זיין אַ דאָקטאָר צי אַזוי אַ מיטגליעד פון די איידעלע פּראָפעסיעס.

איך וויל דאָ אַצינד ניט באַרעכטיגען אָט דעם אידישען „געד־דאנקען־גאַנג"; אויך ניט לשם אפּאָלאָגעטיק, צו באַווייזען אימיצען אַז מיר אידען זיינען אויך אידעאַליסטען אפילו ווען מיר שטופּען זיך, רייסען זיך אויבען־אָן צו די בעסטע און לייכטסטע פּראָפעסיעס. איך האָב נור געוואָלט באַווייזען אויף אָט דער איינענאַרטיגער נעגאַטיווער אידיש־נאַציאָנאַלער עקאָנאָמיק.

און דאָס איז, דאכט זיך מיר, אמת: אינ'ם „באריהמטען" אידישען קאַריעריזם גליהט דער גע'ירשנ'טער אינסטינקט פאַר נאַציאָנאַלער זעלבסט־שוץ.

דער אידעאַליסטישער מאָמענט אין אונזער ערציהונג סיסטעמע איז געווען ניט בלויז אידיווידועלע גייציגקייט און עגאָאיזם, נור דער אינסטינקט, דער האַלב־באַוואוסטזיניגער ווילען צו באַווייזען דער ניט אידישער וועלט ווי פעהיג, נוצליך און גלענצענד מיר זיינען. דאָס איז געווען און איז נאָך עד היום, אונזער נאַציאָנאַל־עקאָנאָמישע פּאָליטיק.

אָבער איצט איז געקומען די צייט ווען די טראַדיציאָנאַלע „אידישע עקאָנאָמיק" איז שוין ניט נור גילטיג נור ווערט אויך שעדליך:

אַמאָל אין די ערשטע נאַאיווע יאָהרען פונ'ם אייראָפּעאישען ליבעראַליזם, איז יעדער אידישער דאָקטאָר טאַקע געווען אַ שטיק אידישער נאַציאָנאַלער קרעדיט. אַ באַווייז, אַז אידען בילדען זיך, אַז אידען קענען זיין „די בעסטע מענשען". אין די אַמאָליגע יאָהרען איז אַ אידישער באַנקיר, אַ אידישער מיליאָנער ניט נור געווען אַ „שר בישראל" נור אַ מאכט בכלל.

בימים ההם איז דאָס אויפשטעהן פון איין אידישען פילאָזאָף ווי משה מענדעלסאָן, פון איין אידישען באַנקיר ווי ראָטשילד, געווען גענוג כמעט איבערצושאַצען די אידען־פראַגע אין די אויגען פון די אומות העולם.

אַזעלכע איינצעלנע גרויסע אידישע יחידים האָבען טאַקע געעפענט די טויערען פון די געטאָס און אונז אַרויסגעפיהרט אויפ'ן ברייטען שליאַך פון עמאַנציפּאַציע און גלייכבאַרעכטיגונג.

אָבער היינטיגע צייטען — די צייטען פון פאַלשע און אמת'ע דעמאָקראַטיעס, פון פאַלשע און גערעכטע סיסטעמען, שפּיעלען שוין יחידים קיין פּאָזיטיווע ראָלע ניט אין אונזער נאַציאָנאַלער עקאָנאָמיק. ווען ס'שפּרינגט איצט אַרויס נאָך אַ אידישער מיליאָנער, צי באַנקיר, קומט קיין געזונד צום אידישען נאַציאָנאַלען גוף ניט צו. פאַרקעהרט, שונאים, און ניט דוקא שונאים, טייטען אויף אונז. „וואָ'דען, נאָך אַ אידישער מיליאָנער".

אפילו די היינטיגע האַלב געבילדעטע דעמאָקראַטיעס האָבען שוין אַ אהנונג וועגען די הלכות פון געלד מאַכען. מענשליכע ווערטהען ווערען איבערשאַצט.

און ניט נור אידישע פינאַנסיסטען נור אפילו אידישע געלעהרטע

און קינסטלער — און אפילו אמת באַדייטענדע — זיינען שוין ניט. ווייזט אויס, אַזאַ גרויסער נאַציאָנאַלער קרעדיט פאַר'ן אידישען פאָלק. טהיילווייז ווייל מיר האָבען זיי בה"ש צופיעל (פון די אָבגעזאָגטע אידישע פּראָפעסאָרען אין דייטשלאַנד אַליין, וואָלט מען שעהנע עטליכע ערשט קלאַסיגע אוניווערזיטעטען געקענט שאַפען) און די קאָנקורענץ צווישען די פרייע פּראָפעסיעס איז נאָך ביטערער ווי צווישען מיטעל קלאַס; אָבער הויפּטזעכליך ווייל מיר קומען אריין אין אַ נייער ראַציאָנאַלער געזעלשאַפט.

דער היטלעריזם איז טאַקע באַרבאַריש-אידיאָטיש אָבער דער פאַקט, אַז זיי קענען אַרויסוואַרפען אַזעלכע גרויסע פּערזענליכקייטען ווי קלעמפּערער, ברונאָ וואַלטער, מאַקס ליבערמאַן, אַ ריינהאַרדט, אַ פּראָפעסאָר האבער און הונדערטער אַנדערע ניט ווענינער גלענצענדע אידען, באַווייזט צווישען אַנדערעס, אַז מיר קומען צו אַ צייט ווען יחידים, ווי גרויס און גלענצענד, פאַרלירען זייער מאַכט און צויבער. און אויך — זייער לעבענס-מיטעל.

עס קומט אַ צייט, ווען אַנווייזען אויף אידישע מיינערס, אייזענ־באַהן-אַרבייטער, אינזשענירען און ערד-אַרבייטער, וועט זיין פאַר אונז אַ גרעסערער און געזונטערער נאַציאָנאַלער סימפּטאָם, ווי אָנצואווייזען אויף גרויסע אידישע ביזנעס לייט און מוזיקער.

מיט אונזערע חלוצים — די שטיין-האַקער און ערד-אַרבייטער — אין ארץ ישראל באַריהמען מיר זיך שוין מעהר ווי מיט אונזערע באַנקירען פּראָפעסאָרען און דאָקטוירים.

און זיי, די חלוצים, ווי די אידישע אַרבייטער בכלל און אומעטום — זיינען לעת עתה דאָס איינציג ביסעל נאַציאָנאַלער קרעדיט וואָס מיר האָבען אַצינד. און דאָס איינציג ביסעל אידישע צוקונפט.

8

„אידישער סעקסואַליזם".

איינע פון די חטאים וואָס היטלער (און ניט נור היטלער, מוז מען צוגעבען) וואַרפט אונז „דער אידישער ראַסע" פאַר איז . . . איבערגעטריבענער סעקסואַליזם.

די וואָס האָבען געלייענט היטלער'ס „מיין קאַמפּף" אָדער אויס־

צינג פון דעם נאַצישען „אני מאמין" געדענקען נאָך זיין וויזיע פון „דעם אידישען שווארצען בחור וועלכער לאקערט אין באהאלטעניש צו פארציקען די בלאָנדע, בלוי־אויגינע אונשולדיגע גרעטכען" . . .

ווי אַלע היטלער'ס „וויזיאָנען" פעהלט אויך אין דער וועלכער ס'איז לעבעדיגער חוש פאר הומאָר. ניט די בלוי־אויגינע בלאָנדע מאָדערנע דייטשע גרעטכען איז נאאיווער, ריינער און שוצלאָזער ווי אַלע אַנדערע היינטיגע מיידלאַך; און ניט דער אידישער שווארצער בחור איז אַזוי שוואַרץ, ווי דער טייוועל מאלט איהם. אויב מען קען עפּעס אין דעם פּרט פארוואַרפען דעם יונגען דייטשען — אין אייראָפּעאישען בכלל — אידען, איז פונקט דער היפוך: אַ צו גרויסע אידעאַלי־זאַציע פון דער דייטשער פרוי. צי ס'איז אַ פּראָדוקט פון אסימילאַציע, צי פון דעם אידישען אינפעריאָריטי קאָמפּלעקס (אַלע אתה בחרתנו פעלקער ליידען פון דעם קאָמפּלעקס) נור דער אידישער שווארצער בחור איז געוואוינט אַרויפצוקוקען צו דער בלאָנדער ניט אידישער פרוי ווי צו אַ אידעאַל כמעט. (מיר זעהען עס פון דער מאָדערנע דייטש־אידישער ליטעראַטור). אָבער איבערהויפּט מאַכען כללים און נאָך אויף אזא געביעט ווי סעקסואַליזם וועלכער איז אפשר דער אינדיווידועלסטער און ניואַנסירטסטער פון אַלע מענשליכע אינסטינקטען איז זעהר פאר־פיהרעריש: דערצו מוז מען זיין אָדער אַ פאַנאַטישער בלינדער מאָראַ־ליסט און מוסר־זאָגער; אָדער איינער פון די מאָדערנע סעקס־טהעאָרע־טיקער, וועלכע האַלטען ניט אוים מעהר ווי איין טאָג ליכט . . .

אָבער, ווי געזאָגט, וואַרפט אונז ניט היטלער אַליין פאָר אָט דעם „חטא". אפילו פּראָגרעסיווע און אונפּאַרטהייאישע פּובליציסטען און קינסטלער האָבען שוין דאָס אַ סך מאָל און „בקול רם" באמערקט.

מען האָט אונז ניט איינמאָל פאָרגעוואָרפען דעם ביליגען האָלי־וואוד־שונד. באזונדער דאָ אין די אייראָפּעאישע לענדער, וואו די פילם־אינדוסטריען ווילען שטאַרק קאָנקורירען מיט האָליוואוד.

און דער „אידישער סעקסואַליסט" — סאַי אינ'ם געשטאַלט פון אַ אידישען פּראָדיוסער, טהעאַטער־דירעקטאָר, אָדער סתם האַלב קינסט־לער און האַלב סוחר — איז שוין געוואָרען אַ סקאַרבאַווע קלישע טיפּ אין דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור, אָנפאַנגענדיג פון פראַנסען און ענדיגענדיג מיט זשאַים'ען. פונקט ווי אַמאָל איז דער אידישער פּראָ־צענטניק, דער אידישער אסימילירטער באַראָן געווען דער האַלב קאָ־מישער „ווילעין" אין דעם אייראָפּעאישען ראָמאַן, אַזוי איז עס היינט דער אידישער האַלב־אינטעליגענטער, האַלב קינסטלערישער סענסור־אַליסט.

נור, אָבצוקומען מיט דעם תירוץ אַז די גאַנצע וועלט איז אַנטי־סעמיטיש, אָדער אַז די וועלט קען אונז ניט, ווי אַ סך פון אונז וואָלט

זיך געוואָלט, קענען מיר ניט, און מיר טאָרען עס אויך ניט.

אז עס רויכערט זיך מוזען זיין ערגעץ לעבעדיגע פונקען.

אז אַ גאַנצע וועלט שרייט שכור, מוזען מיר זיך ארומקוקען און זעהן צי מיר זיינען טאַקע אינגאַנצען און אַלעמאָל ניכטער.

און אין דעם פאַל, ווי אין אַלע אַנדערע פאַלען. און טאַקע ווייל מיר גלויבען נאָך אין דער צוקונפט פונ'ם אידישען פאָלק, און טאַקע ווייל מיר גלויבען נאָך אין די געזונטע פאַטענצען און כחות פון די אידישע מאַסען, האָבען מיר ניט מורא נאָכצוקוקען און נאָכזוכען די „חטאים" וואָס מען ווארפט אונז פאָר.

יעדעס פאָלק האָט זיך זיינע גוטע אָדער שלעכטע אייגענאַרטיגע מדות און כאַראַקטעריסטיקס. פּראָדוקטען פון געשיכטע, עקאָנאָמישע באַדינגונגען, באָדען און באַדענלאָזיגקייט.

מיר האָבען מסתמא פונקט ווי אַנדערע פעלקער אייגענאַרטיגע חסרונות. און אפשר נאָך מעהר חסרונות ווי די אַנדערע נאָרמאַלע פעלקער. אָבער דער גרויסער וואונדער, נס כמעט, איז וואָס מיט אונזער געשיכטע און מיט אונזער געגענוואַרט האָבען מיר נאָך אַלץ אַזוי פיעל מעלות און גלענצענדע פעהיגקייטען. ניט אריינפאַלענדיג אין אַ נייעם אתה־בחרתנואיזם, קענען מיר דאָך זעהר און זעהר שטאַרק צווייפלען צי וועלכער ס'איז פון די היינטיגע און אַלטע „נאָבעלע ראַסען", וואָלטען רייגער, ווערטהפולער און שעפּפערישער פון אונז ארויס פון אַזוי פיעל היסטאָרישע נסיונות און פאַרפאָלגונגען. — פון אַזאַ לאַנגן גלות.

דורך איין גרויסער מפלה האָט דאָס היינטיגע דייטשלאַנד כמעט פאַרלוירען דעם צלם אלהים, היינט וואָס פאַר אַ נידעריגע באַשעפּענישען וואָלטען די געבעלס און די גערינגס געוואָרען נאָך אַ צוויי טויזענד יאָהריגען גלות!

ס'איז נאָך אַ גרויסע פראַגע צי סעקסואַליזם איז אַ חסרון אָדער אַ מעלה; זיכער איז אָבער אַז אין ניט נאָרמאַלע, קראַנקע באַדינגונגען ווערען אַ סך מאָל מעלות אויך חסרונות.

אַ סך מאָל ווייסען מיר אַליין טאַקע ניט, פון וואָס מיר ליידען מעהר: צי פון אונזערע מעלות, צי פון אונזערע חסרונות; און וואָס איז ערגער פאַר אונז די מעלות יאַקבי, אָדער די יאַקבי חסרונות?

צום ביישפּיעל: ענערגיע, אונטערנעהמונגס־גייסט און אפילו דאָס וואָס מיר רופען „אימפּעט" זיינען אין תוך גענומען, מענשליכע ווערטהען: אָהן זיי וואָלטען מענשען און פעלקער איינגעשלאָפען און דער מענשליכער פּראָגרעס וואָלט נאָך פיעל לאַנגזאַמער געווען ווי ער איז. אָבער אין אונזער פאַל זיינען

אַט די ריין־מענשליכע מעלות אָפט גרויסע חסרונות, באַזונדער ווען די פעלקער, צווישען וועלכע מיר לעבען, האָבען שוין אונזער טרייב־קראַפט אויסגענוצט און זיי לעבען איבער אַ קריזיס: אַט די מעלות שטופען אונז פאָראויס און אָפטמאָל — אַרויס; זיי מאַכען דעם אידען „קאָנספּיקיואוס“ צו גרויס אין אַלעמענס אויגען.

אונזער ענערגיע, אונזער טרייב־קראַפט לויפען איבער די גרעניצען פון וועלכער עס איז פּראָפּאָרציע.

דאָס איז איין מעלה־חסרון פון וועלכען מיר ליידען אצינד אַזוי. אפשר דער גרעסטער?

און מיר קענען אָנווייזען אויף נאָך אַזעלכע נאַציאָנאַלע מעלות אונזערע, אויף וועלכע מיר קענען זאָגען, „יצא שכרם בהפסדם“ — צוליעב די ניט נאָרמאַלע עקאָנאָמישע און נאַציאָנאַלע באַדינגונגען אין וועלכע מיר לעבען, און צוליעב דער ענג־האַרציגקייט פון פעלקער, וועלכע ווייזט זיך אַזוי שרעקליך אַרויס אין צייטען פון קריזיסען.

אונזער וועלען זיין שטענדיג „אַפּ טו דייט“; אונזער וועלען זיך אויספיינען, ווייזען זיך; און אפילו דאָס וואָס יעדער איד כמעט „מוז לעבען איבער זיינע כחות“ — זיינען אין דער אמת׳ען אפשר מענשליכע ווערטהען, אָבער אין אַ געזעלשאַפט פון ביטערער קאָנקורענץ, קומט דעם אידען גאָר קיין געזונד ניט צו פון די מעלות. און דאָס אייגענע מיט אונזער „קראַנקען סעקסואַליזם“: עס קען זיין, אַז אידען זיינען סעקסועלער ווי די אַנדערע אייראָפּעאישע פעלקער? (ווער קען אַזעלכעס גאָר מעסטען און וועגען? און איבערהויפּט זיינען די געוויסע נאַציאָנאַלע מעלות און טהעאָריעס זעהר צווייפעלהאַפט?) אפשר דערפאַר וויל מיר זיינען דאָך אַ מזרח פאָלק צווישען מערב־פעלקער? אפשר לעבט נאָך אין אונז דאָס הייסע בלוט פון אונזער אמאָליגער זוניגער היים (כאָטש כמעט אַלע אַנטראָפּאָלאָגישע און עטנישע טהעאָריעס זיינען פּונקט אַזוי געגען אונזער ראַסען־ריינקייט ווי געגען דער אַרישער־ריינקייט פון די מאָדערנע גערמאַנען). אָבער ווען אפילו יאָ, איז דאָס אפשר גאָר אַ מעלה: הייס־בלוטיגע פעלקער, זיינען זיכער לעבעדיגע פעלקער.

אָבער סעקסואַליזם ווערט אַ חסרון, אָדער ריכטיגער, ווערט מיאוס און דעגענערירט אין שלעכטע, ניט נאָרמאַלע עקאָנאָמישע באַדינגונגען. און פּראָפעסיאָנעלער סעקסואַליזם איז זיכער אַ קראַנקע ערשיינונג וואָס יעדע געזונטע געזעלשאַפט, יעדעס געזונט פאָלק מוז אויסמיידען און באַקעמפּפען און ליידער ווארפט מען אונז פאָר אָט דעם מין „פּראָפעסיאָנעלען סעקסואַליזם“.

אידען האַנדלען מיט סעקס, מיט סעקס־אַפּיעל. און מען טייט אויף די אידישע האָליוואוד־מאַגנאַטען, אויף דער אידישער דזשעז

מוזיק (און מען פאַרגעסט אַנצואווייזען אויף די גרויסע עכטע אידישע פילם קינסטלער ווי אייזענשטיין, פעדער, לוביטש, א.א., פונקט ווי מען פאַרגעסט אָן די אידישע אמת'ע מוזיקער אידעאַליסטען ווי מאהד לער, בלאָך און צעהנדליגער אַנדערע), אויף דער אידישער טהעאַטער און מוזיק־האַל קונסט און אַזוי ווייטער א.אז.וו.

מיר מוזען זיך מודה זיין: אַז אידען זיינען ווייט איבער זייער פראָפאָרציע אין אַט די מאָדערנע האלב שונדיסטישע קונסטען.

אָבער דאָס איז ניט ווייל דער איד איז אמאָראַלער און וועניגער צניעות'דיג ווי אַנדערע פעלקער, צי אפילו ניט ווייל ער איז סעקסועלער ווי זיי, נור הויפטזעכליך צוליעב עקאָנאָמישע סבות:

דער איד איז שוין טראַדיציאָנאַל געוואוינט צו כאַפּען זיך צו נייע פּרנסות, ווייל צו די אַלטע איינגעפונדעוועטע האָט מען איהם אָדער ניט צוגעלאָזט, אָדער פון זיי אַרויסגעשטויסען. און מיט זיין נאַטירליכען אונטערנעהמונגס־גייסט איז ער אָפט דער פּיאָנער פון נייע אינדוסטריען.

און ווי איך האָב שוין אָנגעוויזען אין אַ פריהערדיגען קאַפּיטעל לעבט דער געטאָ אינסטינקט אפילו צווישען די אסימילירטסטע פון אונזערע אידען: זיי אַנטלויפען גייסטיג פון'ם אידישען פאָלק און שאַפען נייע אייגענע עקאָנאָמישע געטאָס.

אפילו מיר אַליין (און ניט נור אונזערע שונאים) האָבען אָפט דעם איינדרוק אַז אידען זיינען אָדער סוחרים אָדער וועלט־אמוזירער.

האָליוואוד — און ניט דער בעסטער טהייל — איז פול מיט אידישע נעמען: דירעקטאָרס, סצענאַריאָ־שרייבער, פאָטאָגראַפער און הונדערטער אַלערליי קינסטלערישע משרתים און יוצר משרתים. . . .

מיר האָבען ניט אַזאַ סטאַטיסטיק, אָבער דעם איינדרוק וואָס די וועלט (און מיר) האָבען אָפט, איז אַז יעדער צווייטער „דזשעז בענד" איז אַ אידישער. און אין אַלע לענדער. און וואָס איז וויכטיג פאַר היינטיגע אידישע עלטערען צו געדענקען איז, אַז יעדער איינער אפשר וואָס שפּיעלט איצט אין אַ קינאָ־אָרקעסטער, אָדער דזשעז בענד איז אַ געוועזען וואונדער קינד, וואָס האָט געזאָלט ווערען אַ צווייטער וועלט־באַריהמטער מישא, יאשא, טאשא; און האָט ניט נור געדאַרפט באַגליקען זיין אידישע טאטע־מאמע, נור דאָס גאַנצע פאָלק ישראל, און די גאַנצע וועלט. און דאָ קומען מיר ווידער צו דער אונזער ערציהונגס־פראַגע: אַלע מענשען זוכען אין דער היינטיגער געזעלשאַפט פון עקספּלואַטירטער שווערער ארבייט צו געפינען פאַר זייערע קינדער קאַריערעס, זיי זאָלען ניט דאַרפען שווער אַרבייטען און פאַרשוואַרצט ווערען. אידען האָבען עס נאַטירליך נאָך פלייסיגער געטהון.

און קונסט, און באַזונדער מוזיק, איז נאַטירליך ביי אונז געוואָרען

איינע פון „די לייכטע און שעהנע פרנסות“ דורך וועלכע מען קען אויפגעריכט ווערען. אפשר ניינציג פראָצענט פון היינטיגע קינסטלער בכלל זיינען (האַלב באוואוסט דערויף) געוואָרען קינסטלער הויפּט־זעכליך ווייל אַרבייטען איז שווער, באַצאָהלט זיך ניט און איז ניט בכבוד'יג.

אַזעלכע קינסטלער, אַזאַ קונסט מוז ווערען קאָמערציעל, עובר לסוחר שונד־קונסט. קונסט מיט סעקס אַפּיעל. ניט דער אידישער סעקסואַליזם איז שולדיג אין דער האָליוואוד און דזשעז קונסט. טויזענ־דער פאַרלוירענע אידישע האָפנונגען און חלומות זיינען דאָרט באַגראָ־בען. פון אידישע עלטערען און אידישע קינדער.

ווען די ווערטה און דער כבוד פון פשוט'ער אַרבייט וועלען אנערקענט ווערען — און עס קומט דערצו — וועלען די פאַרשוועכטע און פאַרשונדעוועטע קונסטען אונטערגעהן. אין פשוט'ער, געזונטער פּראָדוקטיוויטעט איז דאָ מעהר פריעדען און אפילו שעפּפערישקייט ווי אין אַ סך פון די היינטיגע פסעוודאָ־קונסטען.

די וועלט זעהט עס שוין איין! מיר אידען מוזען עס שוין איינזעהן.

9

טאַקטלאָזיגקייט — אַ פּראָדוקט פון אסימילאַציע און אויסדערוועהלטקייט.

אויסער די נאַציאָנאַל־עקאָנאָמישע סבות פונ'ם אַנטיסעמיטיזם וועלכע מיר מוזען באַקעמפּפען — דורך קאָלאָניזאַציע בפרט און דורך אַ באַנייטער עקאָנאָמישער סטרוקטור פונ'ם אידישען פאָלק בכלל — איז אויך וויכטיג מיר זאָלען באַקעמפּפען — און דער עיקר אין אונז גופא — די פּסיכאָלאָגישע סבות פונ'ם אַנטיסעמיטיזם.

אמת, מיר ווייסען אַז די ספּעציפיש אידישע פסיכאָלאָגיע איז אַ פּראָדוקט פון אונזער היסטאָרישער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער עקאָ־נימיק — פונ'ם גלות; און נור ווען מיר וועלען נאַציאָנאַל־עקאָנאָמיש געזונטער ווערען, וועט אויך די אידישע פסיכאָלאָגיע ווערען אַ גע־זונטע. אָבער, וואַרטען ביז אונזערע אידעאַלען וועלען פאַרווירקליכט ווערען און דערווייל . . . אין אונזער פּריוואַטען און כלל לעבען

אָנגעהן אויפ'ן אַלטען שטייגער, איז ניט נור ניט געזונט, און זעהר שעדליך פאַר אונז, נור אויך פאַרעטעריש צו אונזערע אייגענע אידעאַלען . . .

מיר פאַרראַטען אונזערע אידעאַלען, מיר גראָבען זיי אַליין אונטער מיט אונזער ווירקליכקייט, מיט אונזער שטייגער לעבען. מיר זיינען אַליין „מעכב די גאולה" . . .

מיר דאַרפען שוין לעבען מיט אונזערע אידעאַלען. יעדער אמת'ער אידעאַליסט איז דער, וועלכער פיהלט זיך באַפרייט און באַנייט נאָך איידער זיין אידעאַל איז פאַרווירקליכט געוואָרען.

אויב מיר גלויבען אין אַ אידיש לאַנד דאַרפען מיר זיך שוין פיהלען ווי בירגער פון דעם לאַנד (וויפיעל אַזעלכע ציוניסטען זיינען עס פאַרהאַן ?) ; אויב מיר גלויבען אין אַ נייער גערעכטער אָרדנונג, דאַרפען מיר שוין מיט אונזערע לעבענס זיין בירגער פון דער נייער אָרדנונג. אויף וויפיעל עס איז מעגליך, נאַטירליך. (און וויפיעל אַזעלכע אידישע סאָציאַליסטען האָבען מיר ?).

יעדער איד ווידער — צו וועלכען אידעאַל ער זאָל ניט „עפענטליך" שטרעבען — וואָס טענה'ט : וואַרט אויס, ביז אונזער אידעאַל וועט אי"ה פאַרווירקליכט ווערען, דאַן וועל איך ערשט אָנהויבען לעבען ווי אַ געזונטער מענש, איז אַ צושטערער און צוברעכער פון זיין אייגענעם אידעאַל.

אַזאַ פאָלק, אַזעלכע אידעאַליסטען קענען ניט אויסגעלייזט ווערען !

מיר זיינען געקומען צום איצטיגען מצב אין דער וועלט ווייל מיר האָבען ווייניג געגלויבט, און כמעט גאָרניט געלעבט מיט די אידעאַלען, וואָס זיינען ביי אונז אויפגעקומען אין דעם לעצטען יאָהר הונדערט.

מיר האָבען געהאַט געזונטע און אמת'ע דיאַגנאָזען פון אונזער נאַציאָנאַלער קראַנקהייט, אָבער מיר האָבען די מעדיצין פאַרלעגט ערגעץ אויף אַ פּאָליצע, ניט געלעבט מיט דעם נאַציאָנאַל־עקאָנאָמישען „דייעט" וואָס מען האָט אונז פאַרשריבען ביז די געפעהרליכע קראַנקהייט האָט אונז גענומען וואַרגען.

מיר האָבען ניט געלעבט מיט אונזערע אידעאַלען ; אונזערע אי־דעאַלען האָבען אונז ניט באַפרייט ווי זיי האָבען עס געדאַרפט טהון, נאָך איידער זיי זיינען פאַרווירקליכט געוואָרען.

דערפאַר האָבען מיר זיך אין דער אמת'ען כמעט גאָרניט געביטען. ניט סאָציאַל און ניט פּסיכאָלאָגיש. אויסערליך, האָבען מיר זיך אפשר געביטען, לויט די לענדער און קולטורען צווישען וועלכע מיר לעבען, אָבער אין תוך זיינען מיר געבליבען די זעלבע ניט באַפרייטע גלות־

אידען, וואָס אונזערע אור עלטערען מיט הונדערטער יאָהרען צוריק זיינען געווען.

פסיכאָלאָגיש, ווייל אויך סאָציאַל־עקאָנאָמיש, איז דער היינטיגער איד דער זעלבער כמעט וואָס דער איד איז געווען מיט הונדערטער יאָהרען צוריק.

די זעלבע עקאָנאָמישע געטהאָס; די זעלבע אויסערליכע אסימי־לאַציאָנס שטרעבונגען, און אין דער זעלביגער צייט דער זעלבער מיסיאָניזם, אתה-בחרתנואיזם . . .

און דאָס זעלבע קראַנקע לעבען.

ווען איהר וועט לייענען און ביי אָביעקטיווע היסטאָריקער ווי אזוי די אידען האָבען געלעבט אין שפאַניען פאַר'ן אויסברוך פון דער אינקוויזיציע, וועט איהר האָבען פאַר זיך כמעט דאָס זעלביגע בילד פון'ם אידישען לעבען אין דייטשלאַנד פאַר דער איצטיגער פיעל ערגערער היטלעריסטישער אינקוויזיציע . . .

כמעט די זעלביגע דעגענערירטע אסימילאַציע . . . אסימילאַציע ביז זעלבסט-האָס, ביז זעלבסט פאַרראַט (צווישען די שפאַנישע גרויסע אינקוויזיטאָרען זיינען געווען משומדים; משומדים זיינען געווען צווישען היטלער'ס ערשטע מבשרים און אָנזאָגער. האָט ניט א זוהן פון משומדים געהאָלפען הרג'ענען ראַטענויען?).

כמעט די זעלבע געלד און אינטעלעקט פּראָפעסיעס — גרויסע באַריהמטע אידען, און אידישע מיליאָנערען — און דער עיקר: דאָס זעלבע ווייכען פון אַרבייט. די זעלבע באַזונדערקייט, דער זעלבער פּאַרטיקולאַריזם, און אסימילאַציע . . .

די זעלבע אידישע טאַקטלאָזיגקייט וועלכע איז און מוז זיין א פּראָדוקט סאַי פון אסימילאַציע פון נאַכקרימען, און נאַכמאַכען דעם שכן; און סאַי פון אונזער מיסיאָניזם, פון אונזער אויסדערוועהלטקייט, אָדער פון א איבערגעטריבענעם קראַנקען נאַציאָנאַליזם — די צוויי עקסטרעמען וועלכע האָבען שטענדיג ווי א עמוד האש און א עמוד הענן באַגלייט אידען אין זייער לאַנגען גלות . . .

„וואָס זשע, דערויף זיינען מיר דאָך אין גלות. לאָמיר פּטור ווערען פון'ם גלות, וועלען מיר שוין ממילא פּטור ווערען פון אַלע אונזערע מאַטעריעלע און פּסיכישע קראַנקהייטען". אויך די טענה איז א אַלטע, אוראַלטע; און אויך אפשר ניט קיין אויפריכטיגע, ווייל ניט נאָר דאָס גאַנצע פאָלק נור יעדער איד איז אין גלות. מיר קענען ניט וואַרטען ביז די אידעאַלען וועלען פאַרווירקליכט ווערען, נור מיר דאַרפען, יעדער איד באַזונדער, מיט אונזערע אידעאַלען אַזוי זיך איינלעבען, אז מיר זאָלען שוין פיהלען זיך ווי באַפרייטע געזונטע מענשען.

נור דער פרייער, נאַטירליכער מענש איז טאַקטיש אויף אן אמת.

און נור פרייע, געזונטע מענשען קענען איבערטראָגען די ביטערסטע פארפאָלגונגען, ווייל זיי גלויבען ניט נור אין אַבסטראַקטען יושר, נור זייער אינערליכע ריינקייט און גאַנצקייט גיט זיי די כחות איבערצוטראָגען אפילו די שרעקליכסטע קאַטאַסטראָפעס.

ניט רעדענדיג שוין דערפון, אַז אמת'ע אינערליכע ריינקייט — ניט קיין קדושים און מארטירער נור אויב ניט נאָך העכער: פשטות און פּראָדוקטיווע ארבייט — קענען ניט ארויסרופען אַזוי פיעל כראָנישע און ביטערע רדיפות.

ווען אונזערע מאַסען, ווען אונזער פאָלק וואָלט געווען אַזוי פשוט (און ניט צו קלוג און ניט צו רייך) ווי אַלע אַנדערע פעלקער, וואָלט קיין היטלעריזם אפשר דאָך ניט מעגליך געווען.

די גרויסע וועלט (און באַזונדער אין קריטישע צייטען, ווען עס ווערט איהר שלעכט) איז אונז חושד פאַר אונזער אויסדערוועהלטקייט. פאַר אונזער פּאַרטיקולאַריזם פון איין זייט און פאַר אונזער וועלען זיך אַסימילירען — נאָך מעהר — פון דער אַנדער זייט. און וואָלטען מיר אַליין געווען אַנדערש, ווען ערגעץ וואו אַ פאָלק וואָלט זיך מיט אונז ניט געוואָלט מישען (אפילו ביי איין טיש ניט עסען); אָדער וואָלטען מיר ליב געהאַט מענשען, וואָס וואָלטען אונז געהאַלטען אין איין נאַכקרימען, און באַהאַלטען נאָך פון אונז זייער שטאַם.

וואָלטען מיר אַזעלכע מענשען ליב געהאַט, וואָלטען מיר אַזעלכע מענשען ניט חושד געווען? באַזונדערס ווען מיר זעהען אַז זיי לעבט זיך שטענדיג אין דורכשניט בעסער ווי אונז, אַז זיי געלינגט שטענדיג ווי עס איז ארויסצוקריכען צום גליקליכען אייבענאָן. און נאָך אין אַ צייט, ווען ס'איז שלעכט אַלעמען.

ניט אין באַהעלטעניש, און ניט אין אויפגעריסענקייט, געפינט מען רוהיגקייט און טאַקט.

נישט אין נאַכקרימען יענעם, ניט אינ'ם אנטלויפען פון זיך אַליין; ניט חניפה און ניט אויבער־שטאָלץ; ניט קיין אתה בחרתנו, און ניט קיין נאַציאָנאַלער זעלבסט־מאָרד . . . ניט מיר האָבען עפּעס צו באַהאַלטען פון דער וועלט, און ניט מיר דארפען זיך האַלטען אין איין אויספּיינען פאַר דער וועלט, זיי באַווייזען עפּעס.

אונזער אידעאַל איז אַ געזונטע פּראָדוקטיווע אידישע און מענשליכע געזעלשאַפט. און יעדער פון אונז דאַרף זיך אַליין און זיינע קינדער איינאָרדען אין אָט דער אידעאַלער און פּשוט'ער געזעלשאַפט.

„כאלו גאלנו" — מיר מוזען לעבען גלייך ווי מיר וואָלטען שוין אויסגעלייזט געוואָרען, אויב מיר ווילען אויסגעלייזט ווערען, אויב מיר ווילען דערלעבען די גרויסע גאולה פון וועלט און מענש . . .

10

דער ספאנטאנער פעריאד אין אונזער קאמפף מיט'ן היטלעריזם.

ס'איז נאך, ליידער, גאר צו פריה אונטערצופיהרען א סך הכל, אדער אפילו געבען א פולע כאראקטעריסטיק פון דעם „פאראייניגטען פראנט" וואס דאס וועלט אידענטהום האט איצט געגענגעשטעלט דעם היטלעריזם אין דייטשלאנד.

ליידער צו פריה, ווייל מיר זיינען נאך אינ'ם סאמען רעכטען ברען פונ'ם שרעקליכען „גירוש גרמניה". מיר ווייסען נאך ניט (און היטלער אליין ווייסט עס אויך ניט) ווי אזוי זיין בארבארישער, מיטעלאלטער־ליכער „סאציאליזם" וועט זיך ענדיגען אדער ענטוויקלען; מיר דארפען נאך ווארטען און זעהן ווי אזוי דאס דייטשע פאלק, וואס וועט ענדליך מוזען ערוואכען וועט משיג זיין דעם גרויסען גייסטליכען און מאטעריעלען שאדען וואס דער היטלער רעזשים האט אנגעטהון זייערע 600 טויזענד אידישע מיטבירגער. און וואס איז אפשר נאך וויכטיגער: מיר קענען נאך ניט אבמעסטען ווי ווייט דער היטלעריזם האט שוין מיט זיין גיפט אנגעשטעקט אנדערע לענדער, וועלכע ראנגלען זיך נאך אזוי האפנונגסלאז מיט דעם איצטיגען שווערען עקאנאמישען קריזיס.

צוליעב די אלע טעמים איז נאך אונמעגליך שוין צו ענטפערען אויף דער פראגע:

ווי — אין כמות און אין איכות — האט דאס וועלט אידענטהום געענטפערט אויף דער קריעג וואס דער היטלער רעזשים האט ערקלעהרט ניט נור די דייטשע אידען נור דעם גאנצען אידישען פאלק?

האבען די פארשיעדענע אידישע „ספאנטאנע" אקציעס אין אלע לענדער מיט עפעס געהאלפען? האט דער אידישער „געשריי", ווי אונזערע היגע יהודים רופען עס האלבסארקאסטיש (ניט הערענדיג זייער אייגענעם אידישליך־טאקטישען „געשריי") מיט עפעס געהאלפען די אידען אין דייטשלאנד און אויסער דייטשלאנד?

האט זיך היטלער מיט עפעס אבגעשראקען פאר די פראטעסטען פונ'ם וועלט אידענטהום, אדער פרעה'ס הארץ איז נאך מעהר פאר־הארטעוועט געווארען?

און האבען די פראטעסטען פון דער ניט אידישער געזעלשאפט־ליכער מיינונג (און באזונדער אין ענגלאנד) מיט עפעס מאדיפיצירט, וויי׳כער געמאכט היטלער'ס אכזריות'ן?

אויף די פראגען איז נאך, לעת עתה, שווער קלאהר און באשטימט צו ענטפערען.

וואָס אָבער מען קען שוין, דוכט מיר, מיט מעהר־וועניגער זיכער־קייט ענטפערען איז: אז דאָס אַזוי גערופענע וועלט־אידענטהום האָט דאָך אַרויסגעוויזען און ווייזט אַרויס אַ סך טאַקט און פּאָליטישע אָריענטאַציע אין איהר איצטיגען שווערען און טראַגישען קאַמפף מיט היטלער׳ס אַנטי־סעמיטיזם.

מיר קענען, דוכט מיר, שוין קומען צום סך הכל אַז אידען בכלל גענומען, זיינען פאַר די לעצטע עטליכע צעהדליג יאָהר אַ סך „פּאָליטיש ערצויגענער" געוואָרען. ניט קוקענדיג אויף דער צו גרויסער גערעטעניש אויף די פאַרשיעדענע קאַמפף און שוץ קאָמיטעטען, ניט קוקענדיג אויף דער צוריסענקייט וואָס עס הערשט נאָך אַלץ צווישען די קאָמיטעטען און אויף דער אַלגעמיינער שטימונג וואָס עס הערשט צווישען די אידישע מאַסען (ניט נור ביי אונז אין ענגלאַנד) אַז „מען טוט וועניג, ניט ריכטיג און ניט גענוג אָפּען" — קענען מיר דאָך קומען צום באַשלוס אַז אויב דער אידישער דעת הקהל אויף דער גאַנצער וועלט האָט אַצינד געזינדיגט איז דאָס גיכער אויף דער זייט פון צופיעל פאַראַנטוואָרטליכקייט, צופיעל פאָרזיכטיגקייט און טאַקט. די היט־לעריסטישע מאָראַלישע און פאַקטישע (כאָטש באַהאַלטענע) פּאָגראָמען אויפ׳ן דייטשען אידענטהום האָבען אַרויסגערופען נאַטירליך ספּאָנטאַנע אַקציעס פון פאַרשיעדענע אידישע געמיינדעס און שיכטען. אָבער, מוזען מיר מיט צופרידענקייט צוגעבען, אפילו אַט די ספּאָנטאַנע אַק־ציעס זיינען ניט געווען קיין ווילדע, אינגאַנצען ניט אויסגערעכענטע . . .

די לעצטע טרויעריגע געשעהענישען האָבען, קען מען זאָגען, באַוויזען אַז אידען זיינען אין אַלגעמיין גענומען פיעל פּאָליטישער ווי אַ סך פון אונז האָבען זיך אפשר פאָרגעשטעלט.

אמת, דאָ און דאָרט, האָט אַרויסגעגרילצט אַ יו שאַרפער, אַ צו נערוועזער אָדער צו דערשטיקטער אידישער „געשריי" אָבער אין אַלגעמיין האָט דאָס „וועלט אידענטהום" אַרויסגעוויזען אַ סך טאַקט. אַ זאַך וואָס אפילו נאָרמאַלע פּאָליטיש־ערצויגענע און פאַרלאַמענטאַרע פעלקער וואָלטען אפשר ניט געקענט באַווייזען, אונטער אַזעלכע שרעק־ליכע פּראָוואָקאַציעס. מיר טאָרען ניט פאַרגעסען, אַז דאָס אידישע בירגערטהום האָט זיך געמוזט און מוז זיך רעכענען מיט די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען פון די לענדער אין וועלכע זיי לעבען, און מיט די פּאָליטישע באַציהונגען, וואָס זייערע לענדער האָבען מיט דעם איצטיגען דייטשלאַנד.

און דאָס איז דאָס טיעף־דראַמאַטישע אין אונזער איצטיגען קאַמפף מיט׳ן היטלעריזם. דער טראַגיזם פון אַ פאָלק אין גלות צווישען פעלקער וואָס ווערען נאָך אַלץ געוועלטיגט פון אַ געירשנ׳טען און אויפגע־

בלאָזוענעם נאַציאָנאַליזם. נאָך אַמאָל: מען קען זיין מיילען־ווייט פון צופרידענהייט מיט די אַקציעס וואָס דאָס וועלט אידענטהום האָט ביז איצט אָנגענומען צו באַקעמפפען דעם היטלעריזם. און הויפּטזעכליך, ווייל דער רוב פון אונזערע קאַמפּפס אָרגאַניזאַציעס, פאַרשיעדענע „באָארדס" און קאָמיטעטען זוכען הילף און שטיצע ביי די סאָציאַלע הערשענדע שיכטען, וועלכע שטיצען שטילערהייד און פּאַסיוו דעם פאַשיזם. מיר האָבען ווייט צו וועניג געפּרובט פאַראייניגען אונזערע פּראָטעסטען מיט די ראַדיקאַלע און אַרבייטער פּאַרטהייען אין אַלע לענדער, וועלכע זיינען די אמת'ע געגנער פון פאַשיזם. און דאָס קען נאָך און מוז נאָך געטאָן ווערען.

אָבער אויך דאָס איז דאָך נאַטירליך. כאָטש מיר באַדויערען עס שטאַרק אויך צוליעב נאַציאָנאַלע טעמים. דער רוב מנין ובנין פונ'ם אידישען פאָלק געהערט דאָך עקאָנאָמיש נאָך אַלץ צו דער בורזשואַזיע און צו דעם מיטעל־קלאַס; איז דאָך נאַטירליך זיי זאָלען זוכען הילף און סימפּאַטיע ביי די וואָס זיינען זיי אמנאהענטסטען. אָבער „פון די כלים" איז דאָס וועלט אידענטהום דאָך ניט אַרויס. קיין שטאַרק אונפאַראַנטוואָרטליכע מעשים און אַקציעס זיינען דאָך ניט באַגאַנגען געוואָרען, כאָטש זיי וואָלטען געווען נאַטירליך און מען וואָלט זיי געקענט אפשר מוחל זיין.

שטעלט זיך נור פאָר און קלעהרט זיך אין דעם גוט איין: היטלער און זיין רעזשים האָבען ערקלעהרט אַ מין „הייליגע" קריעג דעם גאַנצען אידישען פאָלק; ער אַליין אין „זיין קאַמפּף", און זיינע הויפּט לייטענאַנטען האַלטען אין איין גיסען מיט דעם מיאוסטען גיפט אויף אַ גאַנצער ראַסע, אויף אַ גאַנץ פאָלק. און ניט נור גיפט נור די שענדליכסטע צרות אָנגעטהאָן די דייטשע אידען, וועלכע זיינען זייט יאָהרהונדערטער איינגעוואָרצעלט אינ'ם דייטשען באָדען. זייערע פיינסטע אינטעלעקטואַלע כחות באַליידיגט, באַשפּיגען, איזאָלירט און פאַרמשפּט אונטערצוגעהן.

דער היטלעריזם האָט צוגענומען און נעהמט צו בהדרגה די פּרנסות, דעם לעבענס־מיטעל ביים גאַנצען דייטשען אידענטהום . . . און אפילו פון די אַרבייטער. און ווי דער אַמאָליגער עמלק האָט ער אפילו די אידישע שול־קינדער באַליידיגט און געשענדעט.

און דאָך — מיר מוזען זיך דערויף אַליין אפשר גראַטולירען — איז קיין איין אונפאַראַנטוואָרטליכער אידישער נקמה־אַקט ניט באַגאַנגען געוואָרען . . .

אפילו די שויבען ביי די פאַרשידענע היטלער־אַמבאַסאַדאָרען זיינען געבליבען גאַנץ.

ס'איז ניט אידישע פּחדנות: מיר האָבען איבעראַל אַ געזונטע אידישע יוגענד, וועלכע איז גרייט צו קעמפּפען און ווייסט שוין ווי אַזוי צו קעמפּפען.

ביי מיליאָנען אידישע יונגע לייט האָבען זיך די פויסטען געביילט. די צייהן געקריצט — אָבער מיר זיינען דאָך אַ ציוויליזירט פאָלק. מיר פיהלען אַז מיט באַרבאַריזם קעמפּפט מען ניט געגען באַרבאַריזם. די אידישע יוגענד איז דאָך, ווייזט אויס, ציוויליזירטער, פּאָליטיש־באַוואוסטזיניגער און ערצויגענער פון דער „הויך קולטורעלער" דייטשע יוגענד, וועלכע האָט זיך ווי אַ נאַרישע סטאַדע אוועקגעלאָזט נאָך דעם פאַנאַטישען, עקזאַלטירטען פּאַסטוך.

אויף היטלער'ס אונפאַראַנטוואָרטליכע, ווילדע מעשים, האָבען מיר מיט דער זעלבער מטבע ניט געענטפערט. און ניט אפילו ווייל ער און זיינע משרתים האָבען אַזוי אונפאַרשעהמט באַרבאַריש גע־סטראַשעט מיט זיינע „אידישע משכנות". נור ווייל — ווען מען קען זיך אַליין קריטיקירען, מעג מען זיך אַליין אויך אַמאָל לויבען — מיר זיינען פּאָליטיש־קלוגער, טאַקטישער און אפילו נאָבעלער פון די „נאָבעלע" נאַצישע הארדעס. מיט איין וואָרט: דאָס אידישע פאָלק, דאָס וועלט־אידענטהום האָט איצט אַ זעהר שווערען היסטאָרישען עקזאַמען: מיר דאַכט זיך אַז מיר קענען שוין פאָראויסזעהן אַז מיר האַלטען דעם ביטערען עקזאַמען אויס.

און מיר וועלען איהם איבערקומען בשלום.

פּיעל וויכטיגער און הארבער איז אונזער קאָנסטרוקטיווער אינער־ליכער קאַמפּף מיט'ן היטלעריזם. דער ספּאָנטאַנער קאַמפּף וועט באַלד אַריבער און ס'וועט זיך מוזען אָנפאַנגען דער שווערער באַוואוסטזיניגער קאַמפּף מיט אַלע סבות פונ'ם עקאָנאָמישען און פּאָליטישען אַנטי־סעמיטיזם.

מיר טאָרען זיך ניט פאַרלאָזען אויף אונזער „פּאָליטישער חכמה", ווייל זי איז אויך ווי אונזער נאַציאָנאַלער עקאָנאָמיק צו איין קלאַסיג...

און פּאָליטיק אָהן רעאַלע כחות אונטער זיך, קען אין בעסטען פאַל נור מאָמענטאַל העלפען . . .

מיר דאַרפען אָבער קלעהרען פאַר'ן מאָרגען. מעהר אין זיך אַריינקוקען און דעם גאַנצען בנין פונ'ם פאָלק איבערבויען. ווייל דער היטלעריזם איז נור איין שרעקליכער שטורעם און דער פּאָליטישער באַראָמעטער פאַר די נעכסטע עטליכע צעהנדליג יאָהר, ווייזט:

שטורמען, שטורמען און שטורמען . . .

11

די וואס נעהמען זיך דאס לעבען.

דאס פיינליכסטע און דאס שמערצליכסטע וואס מיר הערען איצט פון דייטשלאנד זיינען די זעלבסטמארדען. און זייער צאהל וואקסט פון טאג צו טאג אונטער דעם בארבארישען היטלער־רעזשים. עס באגעהן זעלבסטמארד סאציאליסטען און פאסיפיסטען (אידישע און ניט אידישע) וועלכע קענען שוין ניט אויסהאלטען די יסורים — גייסטיגע און פיזישע — וואס די היטלעריסטישע אינקוויזיציע טהוט זיי אן.

נישט מיר, נישט דיר, ווערען זיי „שפורלאז פארזונקען" — לויט דער אמאליגער דייטשער מלחמה טערמינאלאגיע. מיר הערען פון דייטשע אידען וואס נעהמען זיך דאס לעבען, ווייל זיי זיינען פלוצלונג אבגעשניטען געווארען פון יעדען לעבענס־מיטעל און פון יעדער האפנונג . . .

דאקטוירים און אדוואקאטען, וועלכע פלעגען מאכען א בכבודיג לעבען. יוסטע, קולטורעלע בירגער, מיט בעל־הבית'ישע חלומות און אידעאלען. עלטערע און יונגערע. לעזער פון די אמאליגע „בערלינער טאגעבלאט" און „פראנקפורטער צייטונג", ליעבהאבער פון טהעאטער, מוזיק און לייכטער גייסטרייכער ליטעראטור. מיט שטארקע אידישע פאמיליע קניפען, מיט אייגענע קליינע קינדער אהן א שולע און אהן א צוקונפט. נו, וואס זשע זאלען זיי איצט טהאן, ווען מען האט זיי ארויסגעריסען אזוי אכזריות'דיג די בכבודיגע ביסענס פון זייערע מיי־לער און דעם באדען פון אונטער די פיס? און ס'איז ניטא וואו צו אנטלויפען, און אפילו זיי זאלען האבען וואוהין צו לויפען, לאזט מען זיי ניט ארויס . . . היטלער דארף האבען „משכנות", לעבעדיגע אידישע משכנות, מיט וועלכע צו קעמפפען געגען דעם וועלט אידענטהום, פא־סיפיזם און קאמוניזם. וואס זשע זאלען זיי טהון?

נור פון די אלע פיינליכע זעלבסט-קרבנות פונ'ם טעמפפען און שווארצען יאוש, וואס הערשט אין דייטשלאנד, זיינען אפשר די שרעקליכסטע אט די פאלען פון זעלבסטמארדען, וועלכע ווערען בא־גאנגען פון באליידיגטע און באשפיגענע נשמות . . . איך מיין דא די דייטשע אידען און פרויען וועלכע האבען זיך געהאלטען פאר „הונדערט

פּראָצענטיגע" דייטשען, וועלכע זיינען געווען פאַרליעבט אין אַלעס וואָס איז גערמאַניש, בלאָנד און בלוי־אויגיג, און האָבען פיינט געהאַט אַלעס וואָס איז אידיש און האָט זיי דערמאָהנט, ווי ווייט, אינ'ם מזרח.

אָט די אידישע זעלסט מערדער זיינען אפשר די טראַגישסטע און פּיינליכסטע.

דורות-לאַנג האָבען זיי אין זיך און אין זייערע נשמות געכשר'ט און אויסגעריינינגט יעדע אידישע כאַראַקטעריסטיק, יעדען סימן פון אידישקייט — פון אידיש אויסזעהן, און פון אידיש דענקען. זיי האָבען אַזוי איבערגעגעבען — כמעט זינליך — געדיענט דייטשלאַנד, די דייטשע קולטור.

און דאָ פּלוצלונג אַזאַ שרעקליך ברוטאַל אויפוואַכען. און זיי קענען די ברוטאַלע שרייענדיגע ליכט פון דער היטלעריסטישער דייטשער ווירקליכקייט ניט אויסהאַלטען מעהר . . .

און ווי אַזוי זאָלען זיי עס קענען ?!

דורות לאַנג האָבען זיי געוואַשען, געזויבערט, און געכשר'ט זייער אידיש בלוט. מיט געמישטע חתונות, מיט זעלבסט־האַס, מיט שנאה צו זיך אַליין.

און זיי האָבען עס ניט געקענט אָבוואַשען.

די אידיש „שאַנד פלעקען" זיינען זיי אַלעמאַל ארויסגעשוואומען אויף די באַקען . . . אַטאַוויסטיש, ווי פון דער העלער הויט, זיינען ביים צווייטען און דריטען דור משומדים, אַסימילירטע יהודים אַרויס־געוואַקסען געקרייזעלטע האָר, אידישע נעזער, ברוינע ליידענשאַפטליכע מזרח־קאַלירען . . . שוין אין די גוטע יאָהרען, פאַר די היטלער טעג, האָבען זיי שרעקליך געליטען און זיך געשעהמט מיט זייער שטאַם. אפילו אין די גוטע יאָהרען האָבען די פּנים'ער פון די דייטשע אַסימי־לירטע יהודים געפלאַמט פון בושה פאַר זייער לעצטען פונק אידישקייט וואָס האָט זיך ניט געלאָזט אינגאַנצען פאַרלעשען.

זיי האָבען אַליין געשריבען אַנטיסעמיטישע ווערק. די בעסטע, כאָטש ווייט ניט די איינציגע ביישפּילען: אָטאָ וויינינגער, און ארטהור טרעביטש . . .

אָטאָ וויינינגער — דער יונגער, קראַנקער אידיש־דייטשער גאון איז באַגאַנגען זעלבסטמאַרד נאָך דעם ווי ער האָט זיין פּאַלק (און זיך) פּראָקלאַמירט אַלס שעפּפעריש אימפּאָטענט :

און ארטהור טרעביטש — דער זעהר פעהיגער זוהן פון אַ געשמד־טען דייטשען איד (זיין ברודער איז בערנאַרד שאָו'ס איבערזעצער אין דייטש) איז געווען דער ערשטער צו וואָרנען היטלער'ן ער זאָל זיך היטען פון אידישען איינפלוס אין זיין אייגענעם לאַגער, און זאָל אפילו קיין משומדים ניט לאָזען ווערען קיין „נאַצים" . . .

ער, דער גייסטקראַנקער אָבער זעהר פעהיגער משומד האָט גע־וואָרענט היטלער׳ן געגען משומדים . . .

און די צוויי ביישפּיעלען זיינען, ווי געזאָגט, ניט די איינציגע. די „סמעטענע“ פון דער דייטשער אידישער אַסימילאַציע איז געווען גרייט אויסשניידען פון זיך דעם לעצטען טראָפען אידישקייט . . .

און זיי האָבען עס אויך געטאָן. ווי פאַנטאַסטיש-פערווערזע „קדושים“, וועלכע זיינען גרייט זייערע אייגענע הערצער אויסשניידען און פאַר די הינט וואַרפען, האָבען זיי אָפּט אויסגעזעהן.

און איצט אַזאַ שרעקליך־ברוטאַלע דערוואַכונג: דאָס פאָלק, וואָס זיי האָבען אַזוי פאַרגעטערט, האָט זיי אפילו די אַסימילירטסטע צווישען זיי, איצט אַרויסגעטריבען אפילו פונ׳ם עלעמענטאַרען בירגער־טהום.

די דייטשע „נאַאיווע“ בלוי־אויגיגע יוגענד, אין וועלכער זיי זיינען געווען אַזוי פאַרליעבט, שפּייט אויף זיי אַזוי גאַליק און ברוטאַל. דאָס, פאַר וואָס זיי האָבען מורא געהאַט, אפילו אין זייערע זיסטע אַסימילאַציאָנס־חלומות, האָט זיי געטראָפען.

זיי זיינען אידען! אפילו ווען נור איין זיידע צי באָבע אין דער משפחה — זיי זיינען אידען! און זיי פיהלען איצט ווי דער אַלטער אידישער גלות האָט זיך ווי אַ שווערער הויקער ווידער אָנגעזעצט אויף זייערע פּלייצעס, און ער דריקט זיי אַראָב, אַראָב צו אַ שוואַרצען תהום, צו פאַרניכטונג.

די יונקערס און די היטלערצעס, וועמען זיי זיינען גרייט געווען די שטיוועל צו פּוצען און לעקען, ווילען זיי איצט פאַרשפּאַרען אין געטאָס אונטער די מיטעלאַלטערליכע שווערע טויערען מיט אייזערנע ריגלען . . .

ווי אַזוי זשע זאָלען זיי אַזאַ שאַנדע אויסהאַלטען? גייסטיג האָבען זיי — און זייערע טאַטעס און זיידעס — נאָך אַ סך פריהער זעלבסט־מאָרד באַגאַנגען . . .

וואָס זשע זאָל זיי אָבהאַלטען אַצינד אויך פון אַ פיזישען טויט? מענשליכע ווירדע? דאָס גלויבען אין דעם אייגענעם פאָלק און אין זיינע אינערליכע שעפּפערישע כחות, וועלכע וועלען אונז סוף כל סוף פיהרען צו פרייהייט און זעלבסט שטענדיגקייט? . . .

עס איז זעהר מעגליך אַז אָטאָ וויינינגער האָט געשאַפען זיין באַריהמטע „טהעאָריע“ אַז „אידען זיינען פּונקט ווי פרויען שעפּפעריש אימפּאָטענט“ ווייל ער האָט געקענט נור די דייטש־אידישע אַסימי־לאַציע. (און אפשר אויך האסטיין טשעמבערליין — היטלערס נביא?)

ווען ער קען און לעבט מיט'ן אידישען פאָלק, מיט די ברייטע אידישע מאסען אין די מזרח אייראָפּעאישע לענדער, ווען ער זעהט און קען דעם „מענליכען" קאמפף פון דער אידישער יוגענד, פון די אידישע ארבייטער און פון דער פאָלקסטימליכער אידישער אינטעליגענץ, וואָלט ער אפשר צו אזא זעלבסטמארד פילאָזאָפיע ניט געקומען.

קיין אנדערע אידען אָבער, אחוץ דער דייטש-אידישער אסימילאציע, האָט ער, ווייזט אויס, ניט געקענט. די אידישע אסימילאציע (און ניט נור אין דייטשלאַנד) האָט טאַקע עפּעס ווייבליכעס:

וואָס איז אסימילאציע אויב ניט דער אינסטינקטיווער און באַוואוסטזיניגער באגעהר זיך אָבצוגעבען אינגאַנצען, אויסצומישען מיט א „שטאַרקערען" מין?

עפּעס ווייבליכעס איז דאָ אין דער ליבע וואָס די דייטשע אסימילירטע אידען האָבען געהאַט (און האָבען נאָך) צום געזונטען, כמעט פּרימיטיווען גערמאַנטהום. ווי א שווערען אָבער זיסען צלם, האָבען זיי אויף זיך געטראָגען, די דייטשע קולטור, אַלעס וואָס איז „עכט דייטש".

און איצט וויל מען זיי אויף דעם זעלבען „צלם" קרייציגען. דעם „הי מען" איז שוין נמאס געוואָרען, זיין אידישע געליעבטע, זיין אידישע מיסטרעס . . . עפּעס איז זי איהם צו איבערגעגעבען געווען, צו אונטערטעניג. און ער האָט נאָך לאַנג צוריק די אידישע אסימילאציע אָנגעהויבען חושד זיין — עפּעס ביזטו מיר צו געטריי, עפּעס רעדסטו נאַרניט פון זיך; דיינע אייגענע טיעפסטע און אינטימסטע געפיהלען באהאלטסטו פון זיך און פון מיר . . .

און איצט ווערט די אידישע אסימילאציע אין דייטשלאַנד געקרייציגט אויף דעם צלם וואָס זי האָט אויף זיך מיט אזא קנעכטישער ליעבשאַפט אויף זיך אַליין גענומען

און ווער ווייסט, צי עס זיינען ניט פאַראַהן אצינד אויך אזעלכע איבערראַפינירטע אסימילאַנטען, וועלכע פיהלען א מין מאַזאָכיסטישע מתיקות — די לעצטע זיסקייט — באגעהענדיג זעלבסמארד?

מיט די לעצטע פאַרגלאַצטע גסיסה בליקען צום האקען־קרייץ.

דער טראַגישער אפּאָטעאָז פון דער אידישער אסימילאציע אין דייטשלאַנד.

די „גאַלגאַטאַ" פון אסימילאציע.

אסימילאציע העלפט ניט, אסימילאציע איז טויט. אסימילאציע מוז פיהרען צו נאַציאָנאַלען און אינדיווידועלען זעלבסטמאָרד. גייסטיג און קערפּערליך.

דאָס איז דער גרעסטער און שמערצליכסטער מוסר השכל וואָס קומט אצינד צו אונז פון דייטשלאַנד.

און דאָך — וואָס פאַר אַ טראַגיש און ניט־לאָגיש פאָלק מיר זיינען! — גיבען מיר איצט איבער די פיהרערשאַפט מיט אונזער קאַמפף מיט׳ן היטלעריזם בפרט און אַנטיסעמיטיזם בכלל דוקא אונזערע אַסימילירטע און האַלב אַסימילירטע יהודים. אין ענגלאַנד און אין אַלע אַנדערע לענדער. אַסימילאַציע העלפט ניט, אַסימילאַציע האָט קיין מאָרגען ניט; נור די גרויסע ראַדיקאַל־נאַציאָנאַלע אידישע מאַסען וועלען אונז העלפען איבערקומען דעם איצטיגען קריזיס. דאָס איז אונזער באַוואוסטזיין, דאָס איז אונזער גרויסע און איינציגע האָפנונג. דאָך לעבט נאָך אין אונז אויך די אַלטע אילוזיע אַז אונזערע האַלב און גאַנץ אַסימילירטע אידען מיט זייערע געגילטע טיטולען און רייכטימער, האָבען נאָך אַ ממשות׳דיגע מאַכט . . . און מיר לאָזען זיי מיט זייערע דיפּלאָמאַטישע „פּן יאמרו“ טאַקטיקס, אונטער פאַר־מאַכטע טירען אָנפיהרען מיט אונזער נאַציאָנאַלען שווערען קאַמפף מיט׳ן היטלעריזם.

און אפשר איז דאָ אַ מין צדוק־הדין אין די כחות פאַרמעסטונגען צווישען דעם אַסימילירטען אידענטהום אויסער דייטשלאַנד מיט׳ן דייטשען היטלעריזם, און דעם גיפט וואָס ער פאַרשפּרייט איצט איבער דער גאַנצער וועלט?

דער אידישער האַלב צי גאַנץ באַוואוסטזיניגער אַסימילאַציע האָט דער היטלעריזם געטראָפען אין סאַמע האַרצען אריין. דאָס האַרץ אָבער פונ׳ם אידישען פאָלק פון די אידישע מאַסען איז גאַנץ געבליבען. זיין גוף איז נור איצט שווער פאַרוואונדעט געוואָרען.

12

אונזער אייביגקייט.

געטע, דער גרעסטע דייטשער שריפטשטעלער, דער גרעסטער דייטש, קען מען זאָגען, וואָס דאָס דייטשע פאָלק האָט ביז איצט אַרויס־געגעבען, האָט אַזוי געשריבען אין זיינע „וואַנדער יאָהרען“ וועגען דעם אידישען פאָלק: „פאַר דעם עטנישען ריכטער־שטול, פאַר דעם כסא הכבוד פונ׳ם גאָט פון אַלע פעלקער, ווערט ניט געפרעגט אויב דאָס פאָלק איז דאָס בעסטע און פאָרטרעפליכסטע, נור צי עס דויערט, צי עס האָט זיך אויפגעהאַלטען. דאָס אידישע פאָלק האָט קיינמאָל ניט געטויגט קיין סך, ווי עס האָבען איהם זיינע פיהרער, שופטים,

פאַרשטעהער און נביאים טויזענדערמאָל פאַרגעוואָרפען, דאָס אידישע פאָלק באזיצט ווייניג טוגענד (מעלות) און די מיינסטע פעהלערען וואָס אַנדערע פעלקער האָבען: אָבער אין זעלבסטשטענדיגקייט, אויסדויער און ווען דאָס אַלעס גילט ניט מעהר אין צעהייט (עקשנות), האָט דאָס אידישע פאָלק קיין גלייכען ניט.

„עס איז, עס איז געווען, עס וועט זיין יעהאוואַ'ס נאָמען דורך אַלע צייטען צו פאַרהערליכען".

אזוי האָט געשריבען געטע אַליין. אָבער ניט צו ברענגען אַ הסכמה אויף אונזער אייביגקייט, אויף'ן נצח ישראל — און אפילו פון דעם גרויסען קאַלטען געטע — בין איך דאָ אויסען געווען.

אין דער אידישער אייביגקייט צווייפעלט, דאכט זיך, קיינער ניט. באַזונדער קיינער ניט פון אונזערע שונאים. ווען מען זאָל אפילו פרעגען היטלער'ן אַליין צי „זיין" געזונט דייטש פאָלק וועט איבער־לעבען דעם אוראַלטען צובראָכענעם און קראַנקען ישראל, וועט ער ענטפערען — ניין.

אז ישראל איז געשטאַנען און וועט שטעהן ביים קבר פון אַלע אימפעריעס (ווי דער באַריהמטער ענגלישער דין אינג, האָט זיך אנומעלטען אויסגעדריקט), אין דעם גלויבען אַלע. אונזערע ניט־אידישע פריינד (ניט אהן אַ געוויסער מורא) און אונזערע שונאים מיט אַ צייהן קריצעריי.

לעגענדעס שטאַרבען שווער — זאָגט אַ ענגליש גלייך־ווערטעל.

דער אייביגער ישראל, דער אייביג וואַנדערענדער אהאספער איז איינע פון די אַלמענשליכע לעגענדעס, „מיטען" מיט וועלכע די מענש־הייט וויל זיך ניט צושיידען.

און מען קען זאָגען אז די היינטיגע פעלקער, ווי די אמאָליגע, טהוען אַלעס בשוגג ובמזיד די לעגענדע פונ'ם וואַנערענדיגען אהאספער אויפצוהאַלטען.

און ווער ווייסט צי דער אהאספער וועט אויך ניט אין טויזענדער יאָהרען אַרום שטעהן ביים קבר פונ'ם פאָלק ישראל אַליין? און אפשר פון אונזער וועלטעל, פון דער מענשליכער ציוויליזאַציע בכלל. אַ נאַקעטע חרוב'ע ערד . . . חורבות, חורבות פון אימפעריעס, פעלקער. פון די עטליכע „לעצטע" וועלט־מלחמות, וואָס וועלען נאָך זיין, פון אַ מענשהייט וועלכע איז צוריסען געוואָרען פון די אייגענע ווילדע אינסטינקטען און באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. און אויף דעם נאַקעטען חרוב'ען כדור הארץ שפּאַנט נאָך אַלץ אַרום דער ווייסער געשפּענסט, דער אייביגער „אהאספער" . . .

בלינד, אוראַלט, מיעד און — פאַרהערליכט נאָך אַלץ יעהאוואַ'ס נאָמען.

קיינער צווייפעלט ניט אין אונזער אייביגקייט, אינ'ם נצח ישראל... אונזערע שונאים ציטערען פאר דער לעגענדע וואס זיי האבען מיט זייער רשעות געשאפען, אונזערע פריינד טרייסטען אונז מיט איהר, מיט אונזער אייביגקייט — אין א עת צרה, ווען זיי ווילען ניט אדער זיי לוינט זיך ניט אויף אן אמת'ען אונז העלפען.

„וואס, א נייער שונא איז אויפגעשטאנען אייך צו פארטיליגען, זאגען צו אונז די חסידי אומות העולם, געהט שוין געהט: איהר זענט אייביג, איהר וועט אויך דעם שונא איבערלעבען"...

און מיר קריגען די קלעפ און זעצען טאקע פאר אונזער אייביגקייט.

אלע גלויבען אין אונזער אייביגקייט. פון די שטארקסטע ביז די שוואכסטע פעלקער גלויבען אין דעם. דאס גלויבען אינ'ם נצח ישראל איז שוין לאנג אטאוויסטיש געווארען ביי זיי. עס שווימט ארויף ווי א האלב איינגעדרימעלטער פרימיטיווער אינסטינקט שטענדיג ווען עס הויבען זיך אן רדיפות אויפ'ן אידישען פאלק.

און מיט דעם גלויבען אין אונזער אייביגקייט פארוויגען זיי זייער שלעכט געוויסען...

„נישקשה, זיי וועלען אונז אלעמען איבערלעבען".

אלע גלויבען אין דער אייביגקייט פונ'ם אידישען פאלק. די ליכטיגסטע מענשליכע מחות (ווי א געטע) און די פינסטערסטע קאנסערוואטיווסטע גייסטער. אלע גלויבען אינ'ם נצח ישראל. אפילו מיר אידען אליין, גלויבען שוין אפט אין דעם.

אבער ניט קוקענדיג דערויף וואס אלע פעלקער גלויבען אין אונזער אייביגקייט, איז אונז דאך קיינער פון די אומות העולם דערויף ניט מקנא.

טאקע א וועלט מיט פעלקער, האלטען זיך אין איין ארומרייסען, זוכען איינער דעם צווייטען איינצונעהמען און איינשלינגען, האלטען ווילדע מלחמות אבי דעם צווייטען גובר צו זיין, איבערצולעבען, און אלע ווייסען אז ס'איז דא א אייביג אידיש פאלק, א פאלק וואס מוז לעבען אייביג, און קיינער איז אונז דערפאר ניט מקנא.

איהר האט שוין געהערט, למשל, פון פאליאקען, סערבען, טשעכען, רוטענער (פון ענגלענדער, פראנצויזען און דייטשען איז שוין אבגערעדט) זאלען קומען צו אונז און זאגען:

איהר זענט א אייביג פאלק, נעהמט אונז אריין אין אייער כלל. מיר ווילען אויך זיין אייביג. וואס דארפען מיר האלטען אין איין מורא האבען פאר אונזערע שטארקע שכנים פעלקער, אמיין וועלען מיר ווערען אידען און מיר וועלען זיכער איבערלעבען אונזערע שונאים און לעבען אייביג. און דאך געשעהט עס ניט: קיינער איז אונז ניט

מקנא פאַר דעם אייביגען לעבען אין וועלכען זיי גלויבען אזוי.

פאַרקעהרט: עס ווארפט גאָר אָן אויף זיי אזא מורא און פארדאכט צום אייביגען פאָלק. ווער ווייסט צי די לעגענדע פון דעם אייביגען איד, האָט ניט פאַרשטאַרקט נור זייער חשד און אונצוטרויען צום אידען? שטעלט זיך פאַר ביי אייך אין גאַס וואוינט אַ מענש וואָס איז געבענשט (צי געשטראָפט) מיט'ן אייביגען לעבען — וואָלט איהר זיך ניט געהיטען פאַר איהם? וואָלט זיין געוועהנליכסטער קוק אייך ניט אויסגעזעהן מיסטעריעז, פיעל באַדייטענד און געהיים?

קיינער, אפילו פון די ארימסטע און אונטערדריקסטע פעלקער איז אונז ניט מקנא פאַר אונזער אייביגקייט און גרויסקייט.

עס דערמאהנט זיך מיר אַ מעשה וואָס איך האָב געלייענט מיט יאָהרען צוריק. (דאכט זיך, אַז זי איז געשריבען געווען פון אַ דייטש־אידישען שרייבער):

אין בערלין האָט געלעבט אַ ניגער. ער איז געווען אַ דאָקטאָר. אַ זעהר אינטעליגענטער און סענסיטיווער ניגער. האָט ער זעהר געליטען דערפון וואָס זיין הויט איז שווארץ. ער האָט אזוי געבענקט, געחלש'ט צו זיין ווי אַלע ווייסע מענשען. פאַר וואָס האָט איהם גאָט געשטראָפט און ער איז געבוירען אַ ניגער? פאַר וואָס זאָל די ווייסע ציוויליזירטע וועלט ווייכען פון איהם נור צוליעב זיין הויט־קאָליר. ער האָט דאָך זיי און זייער קולטור אזוי ליעב.

האָט ער אזוי געבענקט און געטרויערט אויף זיין שווארצקייט ביז ס'האָט זיך איהם איינמאָל גע'חלומ'ט אַ חלום: די הייליגע מערי איז צו איהם געקומען און האָט צו איהם מיט איהר אייביגער גוטסקייט און בארמהארציגקייט אזוי געזאָגט:

איך האָב געזעהן מיין קינד דיין פיין און דיין טרויער. און איך האָב צוגעהערט דיינע געבעטען. זיי זשע וויסען מיין קינד דו וועסט זיך מאָרגען אויפכאַפּען פון דיין שלאָף אַ ווייסער מענש, מיט אַ ווייסער הויט, נור...

(דעם ניגער'ס הארץ האָט אזש געצאַפּעלט פונ'ם זיסען פרעהליכען חלום) נור — האָט די הייליגע מוטער געענדיגט — דו וועסט זיין אַ יודע...

— ניין, ניין, איך וועל בעסער בלייבען אַ ניגער אַבי ניט קיין איד, — האָט דער ניגער זיך אויפגעכאַפּט אַ דערשראָקענער פון שלאָף.

א סך מאָל, דאַכט זיך, אַז די קארגע היפּאָקריטישע אומות העולם האָבען אויסגעקלעהרט די לעגענדע פון׳ם יהודי הנצחי צו שטילען זייער שלעכטען געוויסען, ניט וועלענדיג האָבען נאָך אַ גלייכען שותּף צו די גיטער פון דער ערד.

„איהר ווילט לעבען גלייך ווי אַלע מענשען, מיט גלייכע, מענשליכע רעכט? געהט, נאָך וואָס דאַרפט איהר עס? איהר זענט אַ אויסער־וועהלט פאָלק, איהר זענט אַ אייביג פאָלק. אפילו אָהן רעכט וועט איהר אונז איבערלעבען...

„איהר ווילט אַ לאַנד ווי אַלע פעלקער? אייער לאַנד? וואָס טויג עס אייך; וואָס איז אַ לאַנד אויב ניט אַ קבר פון אַ פאָלק? זענען ניט אַלע מלוכה פעלקער, אַלע טעריטאָריאַלע פעלקער אינטערגעגאַנגען? אַז איהר וועט האָבען אַ אייגען לאַנד וועט איהר ווערען שטערבליך ווי אַלע פעלקער? אייער לאַנד איז די גאַנצע וועלט, דער גרויסער גלות — לך לך — וואַנדערט און לעבט אייביג...״

און סתם איז דאָך זעהר נוצליך און באַקוועם פאַר די אומות העולם — און באַזונדער פאַר די הערשענדע קלאַסען — ווען ס׳איז דאָ אַ „אייביגער איד״, אַ „וואַנדערענדיגער אהאספער״ אויף וועלכען מען קען אַרויפוואַרפען די אייגענע זינד אין אַ עת צרה, ווען דער צאָרן פון זייער אונטערדריקטע פעלקער הויבט אָן אויפוואַכען. און מיר, גלות־אידען, הערען זיך צו צו די זיס־ביטערע לעגענדעס וועגען אונזער אונשטערבליכקייט, וועגען אונזער אייביגקייט, בויגען נאָך מעהר איין די איינגעבויגענע רוקענס, בויען זיך אוים נייע געטאָאס און שלעפּען ווייטער די אייביגע שטראָף „די זינד פון דער וועלט״.

אויך איצט שטעלט מען פאַר אונזערע אויגען אַוועק אָט די איי־ביגע „סטראַשידלע״ — אונזער אייביגקייט, אונזער אונשטערבליכקייט.

וועלען מיר אויך איצט פאַלען כורעים פאַר אונזער אייגענעם שאַטען וואָס אונזערע שונאים האַלטען אין איין שוואַרצער און גרעסער מאַכען?

וועלען מיר ווידער אַריינפאַלען אין אָט דער שעהנער לעגענדאַרער און מיסטישער נעץ און מיט געבויגענע קעפּ ווייטער שלעפּען דעם פינסטערען גלות?

ניין, דאָס אידישע פאָלק, צוגלייך מיט אַלע דערוואַכענדע פעלקער־מאַסען וועלען שוין מעהר זיך ניט לאָזען פאַרוויגען מיט שעהנע לע־גענדעס און מעשיות, ווי שעהן און חניפה׳דיג אפילו זיי זאָלען ניט זיין.

דאָס אידישע פאָלק מוז און וועט קעמפּפען פאַר זיינע מענשליכע און נאַציאָנאַלע רעכט.

די אייביגקייט וועט שוין פאַר זיך אַליין זאָרגען.

13

ניט צוריק גאָר פאַראויס.

מיט וואָס מיר דאַרפֿען אַצינד באַזונדער קעמפּפען — און מיט דער זעלבער אנטשלאָסענקייט ווי מיט אונזער אויסערליכען שונא, מיט'ן היטלעריזם — איז מיט דער געפאהר פון אָבהענדיקייט און יאוש, וועלכע גנב'ט זיך שוין אריין אין אונזער לעבען, און צופרעסט און פּאַראַליזירט די מוטהיגסטע און ראַציאָנאַלסטע אידישע שיכטען.

מיט די לעצטע כחות דאַרפֿען מיר זיך אַצינד אָנשטרענגען ניט איבערצו'חזר'ן אונזער היסטאָרישען פעהלער: „אז מען קען ניט אַריבער מוז מען אַרונטער"; אונטער די אויסערליכע קלעפּ באַהאַלטען זיך ווידער אין דער אייגענער טונקעלער אָבער היימישער שאָלעכץ.

דאָס וואָלט געווען היטלער'ס גרעסטער זיעג געגען דעם אידישען פאָלק: „ער וויל צוריקדרעהען דעם זייגער" — דעם אידען וויל ער צוריקפאַרשפּאַרען אין דער מיטעל־אַלטערליכער פינסטערער געטאָ מיט איהר אייגענאַרטיגען מיסטיציזם, משיחיזם און פּרימיטיווער עקאָנאָמיק...

די ראַציאָנאַלע ליכטיגע בלעטער אידישע געשיכטע פון די לעצטע פּאָר הונדערט יאָהר וויל דער היטלעריזם אויסרייסען. אויף אונזער מענשליך און נאַציאָנאַל פּנים וואָס איז אַלץ ליכטיגער און שטאָלצער געוואָרען אין די לעצטע תּקופות פון עמאַנציפּאַציע, אויטאָ־עמאַנציפּאַציע און סאָציאַליזם וויל ער מיט געוואַלד אָנטהון די אַלטע געטאָ מאַסקע, וועלכע האַרמאָניזירט אַזוי מיט זיין פעאָדאַלען אידעאַליזם בכלל.

וועלען מיר איהם זיך אונטערגעבען? וועלען מיר געבויגענע, צושלאָגענע און האָפנונגסלאָזע ווי אַ צושלאָגענע סטאַדע שאָף אין אַ שטורעם זיך לאָזען אַריינטרייבען אין דער אַלטער געטאָ, וואָס מיר האָבען מיט די בעסטע — נאַציאָנאַלע און אינדיווידועלע — כחות ביז איצט כמעט ווי צושמעטערט?

דער גרעסטער שאָדען וואָס דער היטלעריזם האָט אונז אַלס אַ פאָלק שוין אָנגעטהון, איז ניט אַזוי די זעקס הונדערט טויזענד אידען וועלכע ער וויל איצט אַזוי ברוטאַל און סיסטעמאַטיש אויסראָטען; נור דעם פּרעסטיזש, די ווירדע פונ'ם גאַנצען אידישען פאָלק האָט ער שוין שטאַרק צושעדיגט אפילו אין די לענדער, וואָס זיינען פאַקטיש נאָך ניט אָנגעריהרט געוואָרען פונ'ם פאַשיזם, אָבער וועלכע זיינען ניט איבעריג סימפּאַטיש געשטימט צו זייערע אידישע מיטבירגער צוליעב עקאָנאָמישע סבות און צוליעב דעם היסטאָרישען נאַציאָנאַליזם וועלכער

לעבט נאך איבעראל. דער היטלעריזם האט געשאפען א זעהר מאוס'ען און זעהר שעדליכען „פרעצעדענט". ער האט געגעבען, אזוי צו זאגען, די אידעאיש און סאציאל צושויבערטער מאסען א הכשר צו אטאקירען אונזערע עלעמענטארסטע בירגער־רעכט... ער האט געוויזען א אויסוועג, פאר די מיאוס'טע אינסטינקטען פון מאסען און פעלקער בכלל. ער האט אונזער נאציאנאלען „סטאטוס" שוין אראבגעשטירצט. ער האט שוין ארויפגעלעגט די געלע לאטע אויף דעם אלטען אידישען רוקען וועלכער האט פאר'ן לעצטען יאהרהונדערט זיך גענומען אזוי וואונדער־ליך אויסגלייכען.

אלע פעלקער זעהען שוין די געלע לאטע אויף דער אידישער פלייצע.

אבער ווי געזאגט, דאס ערגסטע, דאס אונגליקליכסטע וועט גע־שעהן ווען מיר אידען אליין — און אפילו די פרייסטע און מאדערנסטע צווישען אונז — וועלען זיך פסיכיש אנהויבען, ווען אפילו אונבאוואוסט דערויף, אונטערגעבען.

זי בריהט אונז שוין די געלע לאטע, זי ליגט שוין ווי א אונגע־הויערער יאך אויף אונזערע פלייצעס און זי בויגט אראב די שטאלצסטע און די גלייכסטע צווישען אונז.

די שאנדע — די פרימיטיוווסטע, די עלעמענטארסטע רעכט פון א שעפפעריש פאלק צוצונעהמען... האבען מיר ניט פראכטפולע דענקער, דיכטער, קינסטלער, קעמפפער?

ווי קען מען עס אונז נאך האלטען פאר א פאריא־פאלק? מיר זיינען דאך שוין געווען זיכער אז דער קאשמאר איז שוין לאנג צורונען געווארען.

הויבען מיר שוין אן אלע פיהלען די געלע לאטע. וואו ס'איז נור דא א איד, א אידישע נשמה, איז זי איצט פארוואונדעט פונ'ם היט־לעריזם.

פסיכיש פארוואונדעט. און דער יאוש ווי א פינסטערע, פאר־הוילענע קראנקהייט הויבט שוין אן טאטשען, עסען...

אפילו אין די פרייסטע לענדער קוקט שוין דער איד ניט אזוי שטאלץ, אפען און פריי ווי מיט א פאר יאהר צוריק, איידער די היט־לעריסטישע מכה האט זיך צובליהט אויף'ן קערפער פון דער קראנקער איירא פא. קיין איד קוקט שוין מעהר ניט אזוי שטאלץ און פריי ווי מיט א פאר יאהר צוריק, ווי מיט א יאהר צוריק.

פון די „העכסטע" ביז די „נידעריגסטע". עס קען זיין אז עס דאכט זיך אונז נור אויס אזוי, אבער דער פאקט אז עס דאכט זיך שוין אזוי איז שוין א גענוג טרויעריגער סימפטאם.

לארד רעדינגס שטימע — די שטימע פון א געוועזענעם בריטישען

וויצע-קעניג — קלינגט שוין מעהר ניט אַזוי שטאָלץ און זיכער אין׳ם ענגלישען לאָרדען־הויז.

געבויגענער איז די פּלייצע פון אַ ברונאָ וואַלטער, ווען ער לייטעט אַ סימפאָני פון בעטהאָווען, אַ אָפּערע פון וואַגנער. אַ סך פון אונז האָבען געזעהן אַ קלאָוד מאָנטעפיאָרע — איהר ווייסט ווער ער איז: דער קריסטליכסטער גייסטליכער צווישען די היינטיגע קריסטען און אַ פּלימעניק פון׳ם „שר בישראל״ משה מאָנטעפיאָרע — ווייגען...

אַ קלאָוד מאָנטעפיאָרע ווייגען...

און אפילו דער אידישער סאָציאַליסט, און נאָך מעהר אפילו דער אידישער אַרבייטער, וועלכער קוקט אַמקלאַהרסטען, אַמניכטערסטען און אַמ׳פּשוט׳סטען אויף דעם היטלעריזם און אויף דער „אידישער פראַגע״ בכלל — אפילו דער אידישער אַרבייטער, וועלכער איז נאָך לעת עתה ניט אָנגעריהרט געוואָרען פון די שווארצע פליגעל פון יאוש, איז אויך שוין ניט אינגאַנצען גאַנץ מיט זיך.

און ער מוז דאָך אָנגעריהרט ווערען. זיינע ברידער און שוועסטער, די ווייטסטע און נאָהענטסטע פריינד און קרובים זיינען עקאָנאָמיש ניט זיכער. אַ איבערגעהענדער קלאַס מיט מטושטשע אידעאַלען און געפיהלען.

אַזוי וועניג כחות ממשות׳דיגע, געזונטע, עקאָנאָמישע און נאַציאָנאַלע אינ׳ם אידישען לעבען. מיט וועמען וועט דער אידישער אַרבייטער מיטגעשלעפּט ווערען: מיט זיין פאָלק אָדער מיט׳ן אַלוועלטליכען פּראָלעטאַריאַט? ווי אַזוי זשע זאָלען אפילו די שטאַלצסטע און מוטהיגסטע צווישען אונז ניט ווערען אַביסעל אָבהענדגיג...

אונזער אוואַנגאַרד האָט שוין אויך אַ ציטער געטהון.

און די אייגענע פּסיכאָלאָגישע רעאַקציע וועט זיך אין גיכען, אויב מיר וועלען זיך נאָכגעבען, אָנהויבען פיהלען אויך אין אונזערע נאַציאָנאַלע באַוועגונגען: דערוויילע פיהלט זיך פּאַלעסטינאַ שטאָלץ מיט דעם ביסעל טרייסט וואָס זי קען געבען אַלע אידען, אָבער באַלד וועלען זיי אָנהויבען פיהלען אַז אינ׳ם נאָמען פון אַ דעגראַדירט פאָלק פאַדערט זיך ניט אַזוי שטאָלץ אַ נאַציאָנאַלע היים. אָט די גרויסע און אמת׳ע געפאַהר — די אינערליכע געפאַהר פון יאוש — מוז שוין באַקעמפּפט ווערען.

און עס מוזען שוין באַקעמפּפט ווערען אָט די אידעאישע סימפּטאָמען, די ערשטע שווארצע בלימעלאַך פון אונזער יאוש, וועלכע האָבען זיך שוין באַוויזען אין אונזער פּובליציסטיק, צווישען אונזער אינטעליגענץ.

עס הערען זיך לעצטענס שוין צו אָפּט און צו אויפריכטיג די לאָזונגען (ניין, די קרעכצען) „צוריק״:

צוריק צו דער אידישער געטאָ; צוריק צו אונזער מיסיאָניזם. אין דער אידישער געטאָ איז שוין געוועז בעסער ווי אין דער אידישער עמאַנציפּאַציע...

און דער אַלטער „וילונו" קלינגט שוין אין דער לופטען:

פאַר וואָס האָבען מיר זיך געלאָזט אַרויסציהען פון דער געטאָ? זיינען דאָרט ווייניג קברים געווען מיר זאָלען דאַרפען דאָ אויסשטאַרבען אין דער מדבר פון נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער זעלבסט באַפרייאונג?

מיר געדענקען נאָך די געפּילטע פישען און די טהייערע עסיג-פליישען פון דער געטאָ? פאַר וואָס האָבען מיר געדאַרפט אַרויס פון דאָרט? און אפשר איז אַ פּלאַן מיר זאָלען אַהין געהן צוריק?!

ס'איז דאָרט געווען פינסטערלאַך, אָבער ס'איז געווען אַ הייליגער בין השמשות אונטער אַ סאַמעטענער חופּה מיט אויסגעהאַפטענע שטערען.

ס'איז דאָרט געווען ענג, אָבער דערפאַר אַזוי היימיש־וואַרים און אין דער היימישער ענגשאַפט איז געווען אַזוי גוט צו חלום'ען וועגען דער פאַפּירענער און אייזערנער בריק, וועגען משיח'ס צייטען, וועגען עולם הבא, וועגען אַ יום שכולו טוב — צוריק — צוריק...

נאַטירליך, ווערט געניצט אַ מאָדערנע טערמינאָלאָגיע פאַר די רעאַקציאָנערע יאוש־שטימונגען, וועלכע הערען זיך שוין אין אונזער גאַס, אָבער דער תמצית איז דער זעלבער: מיר שטעהען איצט פאַר דער געפאַהר וועלכע האָט זיך אַ סך מאָל איבערגע'חזר'ט אין אונזער געשיכטע אונטערן דרוק פון פאַרשטאַרקטע רדיפות אויף אידען. אונ־זערע קאַמפּפס־פעהיגקייט און נאַציאָנאַלע ענערגיע איז אָבגעטעמפּט געוואָרען און זיך איינגעוויקעלט אין דער קלאָטשע פון מיסטיציזם.

און דער פעהלער טאָר איצט ניט באַגאַנגען ווערען.

היטלער האָט נאָך ניט געזיעגט אויסערליך און טאָר אונז ניט באַזיעגען אינערליך.

ניט צוריק נאָר פאָראויס! — דאַרף זיין אונזער לאָזונג. מיר דאַרפען אָנגעהן מיט דער גרויסער ארבייט וואָס דאָס ראַציאָנאַל־אידישע דענקען פונ'ם לעצטען יאָהר־הונדערט האָט אונז אויפגעגעבען.

ניט מעהר צוריק נור אַלץ מעהר און ווייטער פאָראויס!

און שטאַרקער, אינטענסיווער זאָל נאָך זיין דער קאַמף ווי פריהער.

דער אויפגעוואַכטער ישראל וועט זיך ניט געהן צוריק לעגען שלאָפען, ווי הייליג און פרום ס'זאָלען ניט זיין די שפּרוכען, מיט וועלכע מען וויל אונז איצט פאַרוויגען.

מיר זיינען מיעד, ענטוישט — אינערליך און אויסערליך — אָבער אָבגעבען דעם קאַמפּף טאָרען מיר שוין ניט. ווייל געטאָ הייסט

אין די מאָדערנע צייטען זעלבסטמאָרד. אַ קבר אבות, אפשר, אָבער דאָך אַ קבר.

דאָס גאַנצע אידישע פאָלק קען מען ניט אַריינזעצען אין אַ „קאָנצענטראַציאָנס לאַגער״ און אַליין זיך לאָזען איזאָלירען ווי גייסטיגע מצורעים אודאי ניט.

היטלעריזם האָט נאָך ניט געזיעגט. און דאָס אידישע פאָלק וועט ניט זיין זיין איינציגער זיעג.

מיר געהען אָן ווייטער מיט אונזער אינערליכער איבערבויאונגס־אַרבייט. און, ווי געזאָגט, מיט פיעל מעהר ענערגיע און אינטענסיווי־טעט. מיר טאָרען ניט און ווילען ניט פאַרלירען אונזער מוטה, אונזער קאַמפּפס לוסט!

דאָס וועט זיין אונזער ערשטער און שטאַרקסטער זיעג געגען דעם היטלעריסטישען גיפטיגען אנטיסעמיטיזם.

די אַנדערע קאַמפּפס פראָנטען אונזערע געגען היטלעריזם, אין דייטשלאַנד און איבעראַל, אויף וועלכע איך האָב שוין אָנגעדייטעט אין די פריהערדיגע קאַפּיטלאַך, וועל איך פּרובען ברייטער אַרומרעדען און רעזיומירען אין די נעכסטע און לעצטע פּאָר קאַפּיטלען.

14

דער פאַראייניקטער פראָנט.

אויב דער אַזוי געראָפענער ספּאָנטאַנער פּעריאָד אין אונזער קאַמף מיט׳ן היטלעריזם, וועלכער האָט זיך נאָך ניט געענדיקט, באַווייזט, אַז דאָס „וועלט-אידענטום״ איז פיל טאַקטישער און פּאָליטיש דערצויגענער ווי מיר האָבען זיך גערעכט, מוזען מיר אָבער קומען צום טרויעריגען באַשלוס, אַז וועלכע עס איז קאָנסטרוקטיווע און ראַדיקאַלע פּלענער ווי אַזוי צו באַקעמפּפען און באַגעגנען די אַטאַקעס אויף אונזער נאַציאָנאַלען סטאַטוס, און אויף אונזערע בירגער־רעכט פונ׳ם פּאַשיזם בכלל און פונ׳ם היטלעריזם בפרט, זיינען נאָך כמעט גאָרניט געמאַכט געוואָרען, און די פּאָר וואָס שטעהען אויף אונזער סדר היום זיינען אויך ספּאָנטאַנע און טראַדיציאָנעלע.

פון איין זייט לעבען מיר נאָך אַלץ מיט׳ן אַלטען אידישען בטחון אַז אַזוי אַנגעהן לאַנג קען עס ניט, אַז ס׳וועט מוזען ווערען בעסער און אַז דער נצח ישראל וועט איבערלעבען אויך די נייע שונאי ישראל; און פון דער אַנדערער זייט ווירקט נאָך אין אונז אַלעמען דער גע־

ירש'נטער גלויבען אין אונזערע גרויסע און איינפלוסרייכע אידען און אין זייער דיפּלאָמאַטיע און שתדלנות, און מיר זעהען נאָך ניט גענוג איין אַז זייער פּרעסטיזש איז שוין שטאַרק געשעדיקט געוואָרען; און אפילו אין די לענדער וואָס זיינען נאָך ניט אַנגעריררט געוואָרען פון פאַשיזם אָדער קאָמוניזם, און וואו זיי, אונזערע גרויסע און רייכע אידען, שפּילען נאָך אַ ראָלע.

ניט רעדענדיק שוין דערפון וואָס די „גוטע ליבעראַלע צייטען" ווען יחידים האָבען געשפּילט אַ ראָלע, אונאָפּהענגיג פון פּאַרטייען און סיסטעמען, געהט שוין בכלל אַוועק. און ווער ווייסט צו זיי וועלען זיך אין דעם איצטיגען יאָהר־הונדערט נאָך אומקערען?

נייע ווידער קאָנסטרוקטיווע קאַמפּף'ס און שוץ־פּלענער זיינען לעת עתה ביי אונז ניט אויפגעקומען כאָטש זיי זיינען אַזוי דרינגענד; ניט ממש ווי דאָס לעבען, נור טאַקע ווי דאָס לעבען.

פון די נייע פּראָיעקטען פון וועלכע מען האָט ביי אונז אָנגע־הויבען שטאַרק רעדען און מען רעדט נאָך, איז דער אידישער וועלט־קאָנגרעס, און אויך אַ אידישע עקאָנאָמישע קאָנפערענץ...

מען רעדט אַצינד ביי אונז זעהר פיעל פון די כלל ישראל וועלט־קאָנגרעסען אָדער קאָנפערענצען און, ווי עס שיינט, ניט מיט אַ צו גרויסער באַגייסטערונג און האָפנונג. און דאָס אַליין וואָס זיי זיינען נאָך ניט פאַרווירקליכט געוואָרען — און אפילו ניט איצט אין דער גרויסער נויט — באַווייזט שוין אויך אַז דאָס גלויבען אין זייער נוצ־ליכקייט און ווירקזאַמקייט איז ניט אַזוי גרויס ביי די אידישע מאַסען און ביי דער אידישער פאָלקס־אינטעליגענץ.

עס דאַרף שוין איצט, דאַכט זיך, יעדען אידען, צו וועלכער פּאַרטיי ער זאָל ניט געהערען, זיין קלאָהר, אַז אַ כלל ישראל קאָנגרעס וואָס זאָל ברענגען פּאָזיטיווע רעזולטאַטען און ניט בלויז נעגאַטיווע און פּאָרזיכטיגע פּראָטעסט־רעזאָלוציעס איז שוין ניט מעגליך.

אַלע אידען, אָהן אויסנאַם, וועלען פּראָטעסטירען געגען ספּעציעלע אידישע רדיפות. אָבער אַלע אידען, ווי שוואַך זייער קלאַסען דיפערענ־צירונג זאָל ניט זיין אין פאַרגלייך מיט אַנדערע נאָרמאַלע נאַציעס, וועלען זיך בשום אופן ניט צונויפרעדען און איינשטימען אויף די מיטלען — און דאָס איז דאָס וויכטיגסטע — ווי אַזוי צו באַקעמפּפען די רעאַקציאָנערע און פאַשיסטישע באַוועגונגען אין וועמענס אינטערע־סען עס איז צו דיסקרימינירען ווען עס קומט צו אידען בפרט, און נאַציאָנאַלער האַס בכלל. און ניט נור אַלגעמיינע טאַקטיקס און פּלענער וועט אַזאַ קאָנגרעס ניט קענען אויסאַרבייטען, נור ער וועט אפילו ניט קענען געפינען אונזערע שותפים אין דער אויסערליכער וועלט: די סאָציאַלע שותפים אָהן וועלכע אונזער קאַמפּף געגען

היטלעריזם מוז בלייבען הילפלאָז, אַ קול קורא במדבר.

דאָס בורזשואַזע יודענטום וועט זוכען אונזערע שותפים אָדער ריכטיגער בעטען רחמים ביי די לעצטע פאַרשטעהער פונ'ם אייראָ־פעאישען ליבעראַליזם און קאָנסערוואַטיווען הומאַניזם, וועלכע חנ'דלען זיך שוין איבעראַל צום פאַשיזם. (אונזערע גאָר רעכטע גרופען וועלען זיך ניט אָפּזאָגען אונטערצוהאַנדלען און איינבעטען זיך אפילו ביי אונזערע ביטערסטע שונאים).

די לינקערע פּאַרטייען אונזערע ווידער, וועלען אַנווייזען אויף די אַלגעמיינע סאָציאַליסטישע און ארבייטער פאַרטייען ווי אויף אונ־זערע קאַמפף־שותפים. טאָ וואָס פאַר אַ פּאָזיטיווע רעזולטאַטען קען אַ אידישער קאָנגרעס ברענגען, ווען אפילו אונזערע לינקע פּאַרטייען זאָלען וועלען אין איהם אנטייל נעמען? די אייגענע מאָטיווען רעדען — און אפשר נאָך העכער? — קענען אַ אידישער עקאָנאָמישער קאָנפערענץ...

ווי אַזוי וועלען אידען וואָס קוקען פון געגענזעצליכע שטאַנדפּונק־טען אויף דעם אידישען עקאָנאָמישען באַשטאַנד בפרט, און אויף פּאָ־ליטישער עקאָנאָמיע בכלל, זיך קענען צוזאַמענרעדען און באַשטימען ווי אַזוי עקאָנאָמיש איבערבויען דאָס אידישע לעבען עס זאָל קענען ביישטעהן דעם ציקל רעוואָלוציעס און קאָנטער־רעוואָלוציעס, וועלכער האָט זיך אָנגעפאַנגען נאָך דער וועלט־מלחמה און וועלכער האָט נאָך ווייט ניט פאַרענדיקט זיין קרייז?

סיידען די הויפּט אויפגאַבע פון דער עקאָנאָמישער קאָנפערענץ זאָל זיין אַ ריין־פילאַנטראָפּישע, הילפס־אַרבייט. און אַז אפילו די אַזוי פיל דיסקוטירטע באָיקאָט־פראַגע, וועט אַזאַ עקאָנאָמישע קאָנ־פערענץ ניט קענען סעטלען און איינשטימיג לייזען, איז דאָך שוין אָפּ־גערעדט. און ניט נור ווייל אונזערע פּאַרטייען זיינען אויך צוטיילט בנוגע דער פראַגע: ס'רוב אידיש־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען זיינען געגען דעם אידישען עקאָנאָמישען באָיקאָט אויף דייטשלאַנד; נור אויך צוליב בירגערליך־שטאַטליכע מאָטיווען. (אַ באַווייז איז אויך די ניט אויסגעשפּראָכענע שטעלונג פון דער ענגלישער באָרד אָף דעפּיוטיס צו דער פראַגע).

די ענגלישע אידען, צום ביישפּיל, קוקען אַנדערש אויף דער באָי־קאָט פראַגע ווי די פּוילישע און פראַנצויזישע אידען; נאָך געגענ־זעצליכער זיינען אפשר די אָנשויאונגען פון די איטאַליענישע, בולגאַ־רישע און אַנדערע אידישע קהילות.

און ווי קענען מיר זיין זיכער אַז אין אַ יאָהר אַרום וועלען אפילו די פּוילישע און פראַנצויזישע אידען ניט זיין געצוואונגען זיך אָפּצו־זאָגען פון דעם באָיקאָט, וועלכער איז איצט אין זייערע אויגען דאָפּעלט

פּאַטריאָטיש, אי אַלס אידען, אי אַלס בירגער? פּאָליטישע סיטואַציעס און פריינדשאַפטען בייטען זיך היינטיקע צייטען זעהר גיך, און ניט אַלעמאָל ווי מען רעכט זיך. —

אַט צוליעב די טעמים ווערען אַט די פּראָיעקטירטע כלל־ישראל קאָנגרעסען און דער נאַציאָנאַלער באָיקאָט עפּעס ניט אַזוי ענערגיש פאַרווירקליכט.

אינסטינקטיוו פיהלען די אידישע מאַסען אַז די פּראָיעקטירטע קאָנגרעסען וועלען ניט נור קיין גרויסע גליקען ניט ברענגען, נור זיי וועלען פאַר דער גרויסער עפענטליכקייט (ניט איבעריג פריינדליכער און געדולדיגער צו אונז) נור אַרויסווייזען אונזער צוריסענקייט און הילפסלאָזיגקייט.

אָבער אַזוי אָנגעהן ווייטער קען מען ניט. און לעת עתה ווערט גאָרניט כמעט געטאָן ביי אונז צו באַקעמפפען סיי דעם פּאַקטישען היטלעריזם און סיי דעם פּאָטענציאָנעלען היטלעריזם, וועלכער דראָהט אונז שוין אין אַלע לענדער.

אָנגעהן מיט'ן טראַדיציאָנעלען אידישען בטחון אויף אונזערע נדיבים און אויף אונזער אייביגקייט, קען מען שוין ניט, און אָפּקומען מיט כלל־ישראל פּראָיעקטען, אין וועלכע מיר אַליין גלויבען קוים, קען מען אוודאי ניט.

אונזערע קאָנסטרוקטיווע פּאַרטייען ווידער — ווי די ציוניסטישע און סאָציאַליסטישע — געהען דערווייל אָן מיט זייער באמת גרויסע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע אַרבייטען, ניט באַמערקענדיג, ווי זיי פאַלען אַריין אין אַ געוויסער „צדקות" און זעלבסט־צופרידענקייט....

איך מיין ניט, חלילה, צו זאָגען אַז זיי פיהלען ניט די אונגעהויערע געפאַרען, וועלכע לויערען איצט אויפ'ן אידישען פאָלק. זיי ליידען אפשר מעהר ווי אונזערע ניט פּאַרטייאישע אידען — נאָך מעהר: מען קען זאָגען אַז די לעצטע געשעהענישען האָבען פאַרשטאַרקט זייער אַרבייט פאַר זייערע אידעאַלען און באַוועגונגען.

אָבער דאָך, פאַלען זיי, אומבאַוואוסט דערויף, אַריין אין אַ געוויסער זעלבסט־צופרידענקייט (אַזוי איז שוין דעם מענשענס טבע) אין אַ מין אידעאַליסטישער זאַטקייט, וואָלט איך עס אָנגערופען. זיי זאָגען אונז:

אהאַ, מיר האָבען אייך געזאָגט! מיר האָבען עס פאַראויסגעזעהן! איהר האָט אונז ניט געפאָלגט!

נאַטירליך, זאָגען זיי עס ניט אַזוי שאַדען־פריידיק, אָפּען. זיי ליידען דאָך מעהר אפשר ווי אַנדערע אידען שוין פשוט דערפאַר ווייל

זיי האָבען שטענדיג געקלערט און געלעבט מיט דער „אידען פראַגע“. אָבער דאָך דערמאַנען אונז אַצינד אונזערע פּאַרטייען אָן די דאָקטוירים, וואָס שטעהען צוקאָפּענס ביי אַ חולה מסוכן, וועמענס קראַנקהייט זיי האָבען ריכטיג דיאַגנאָזירט, און וועלכער האָט זיך פון זיי ניט געלאָזט קורירען. זיי שאָקלען טאַקע טרויעריג צו מיט די קעפּ די דאָקטוירים, אָבער זיי זיינען צופרידען וואָס זיי זיינען ניט שולדיג אינ'ם חולה'ס ליידען:

מיר האָבען אייך געזאָגט, מיר האָבען פאָראויסגעזעהן די אנטוויקלונג פון דער קראַנקהייט...

אָבער דעם חולה ווערט דערפון גאָרניט גרינגער, אפילו ווען ס'קומט אַלע מאָל אַ אַנדער פריינד מיט אַ אַנדער פּאַניק־רפואה, מיט אַ אַנדער „לעצטער הילף“. ווען מיר וועלען אפּקומען מיט די טראַדיציאָנעלע פּלענער וועגען כלל־ישראל־קאָנגרעסען, און אַלע אונזערע קאָנסטרוקטיווע און ראַדיקאַלע פּאַרטייען וועלען זיך איצט אין דער שרעקליכער צייט באַהאַלטען אין די געדיכטע פעדערן פון זייערע פּאַרטיי פּראָגראַמען און זיך ניט פאַראייניגען; ווען מיר וועלען ניט שאַפען אַ פאַראייניגטען פראָנט פון אַלע אונזערע סאָציאַליסטישע און נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע פּאַרטייען, וועט די אידישע לאַגע זיך ניט פאַרבעסערען. און אַז ס'ווערט ניט בעסער, ווערט ערגער.

15.

די איצטיגע היסטאָרישע מיסיע פונ'ם אידישען ארבייטער.

איך גלויב אַז ניט אַ אידישער קאָנגרעס, נור אַ פאַראייניגטער פראָנט פון אַלע אידישע ארבייטער, סאָציאַליסטישע, און פאָלקס פּאַרטייען איז אַצינד די פּראַקטישסטע, נויטיגסטע ערשטע ליניע, אָדער טראַנשעע אין אונזער קאַמפּף מיט'ן היטלעריזם (ניט נור אין דייטשלאַנד, פאַרשטעהט זיך).*) און ניט דערפאַר, ווייל איך בּאַלאַנג צו איינער פון די פּאַרטייען (כאָטש איך האַלט עס גאָר ניט פאַר אַ מעלה, צו זיין אונפּאַרטייאיש) נור צוליב נאַציאָנאַלע און טאַקטישע מאָטיוועון.

ניט נור ווייל איך גלויב אין דער צוקונפט פון אַ ארבייטענדער מענשהייט, און אויך ניט נור דערפאַר ווייל מיין טיפסטע איבערצייגונג

*) פּאַר אַ פאַראייניגטען פראָנט פון אַלע אידישע סאָציאַליסטישע־פּאַרטייען אַרבייטען איצט אייניגע באַוואוסטע אידישע סאָציאַליסטען און פּאָלקס־טהוער.

איז, אז די עטישסטע, געזונטסטע און שענסטע (אפילו פון א ריין עסטעטישען שטאַנדפּונקט, אויב אזא שטאַנדפּונקט איז מעגליך) סאָציאַלע שיכטען זיינען די ארבייטער קלאַסען; נור הויפּטזעכליך, ווייל איך גלויב אז א פאַראייניגטער פראָנט פון אַלע אידישע ארבייטער פּאַרטייען איז פּראַקטישער און פאַרווירקליכבארער ווי אַן אַלגעמיינער אידישער קאָנגרעס, און קען אין דער איצטיגער איבערגאַנגס־עפּאָכע, אַמבעסטען העלפען דעם אידישען פאָלק אין זיין טויט און לעבען קאַמפּף. און אין דער איצטיגער רייע ארטיקלען רעדען מיר דאָך פון דער ספּעציפיש אידישער לאַגע אין דער גרויסע טראַגישער עפּאָכע וואָס אַלע פעלקער מאַכען איצט דורך.

ווי ס'איז שוין אָנגעדייטעט געוואָרען אין די פריהערדיגע קאַפּיט־לען האָט די אידישע גרויסע בורזשואזיע ביז לעצטענס געהאַלטען די פירערשאַפט פונ'ם אידישען פאָלק.

די אַמאָליגע אייגענאַרטיגע געטאָ־עקאָנאָמיק אונזערע האָט ארויס־געשטעלט דעם גביר און נדבן אַלס דעם אידישען ראש הקהל. געלט איז געווען (געגען אונזער ווילען) די הויפּט נאַציאָנאַלע אַמוניציע פון דער געטאָ. מיט געלט פלעגען מיר זיך אויסקויפען און באַשיצען געגען אויסערליכע שונאים.

די תקופה פון דער אידישער עמאַנציפּאַציע האָט מעהר אָרגאַני־זירט און מעהר וועלטליכע תקיפות געגעבען אונזער בורזשואזיע און אונזער בורזשואזע אינטעליגענץ.

די בורזשואזע פּריהייטען — די ירושה פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע — האָבען באַגנעדיקט אויך די אידישע געטאָס מיט פריהייטען. די אידישע בורזשואזיע האָט זיך צוגעכאַפּט צו די פריהייטען מיט דעם שטאַרקען אַפּעטיט וואָס נור קינדער פון א פאַרשקלאַפּט פאָלק קענען האָבען צו פריהייט.

און הונגער איז גייציק און ניט שען: דערפון האָט זיך אויך גענומען אונזער מאוסע בורזשואזע אַסימילאַציע, וועלכע האָט איצט אזוי טראַגיש באַנקראָטירט.

נור, ווי ס'זאָל ניט זיין, האָט די אידישע בורזשואזיע ביז איצט זעהר געשמאַק אויסגענוצט דעם רעכטליכען באָדען וואָס די אידישע עמאַנציפּאַציע האָט זיי געגעבען.

אין דער צייט ווען די אידישע מאַסען זיינען נאָך געבליבען פּאַקטיש און אידעאיש אין געטאָ־באַדינגונגען, איידער אונזערע נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע און סאָציאַליסטישע באַוועגונגען האָבען אָנגעהוי־בען צווישען זיי ווירקען (באַזונדער אין מזרח אייראָפּאַ) איז אונזער גרויסע בורזשואזיע געגאַנגען מחיל אל חיל: געקראָגען מאַכט, קאַפּיטאַל און טיטולען...

אַ טהייל פון זיי זיינען אינגאַנצען אוועק פון אונז, פונ'ם פאָלק, אַ אַנדער טהייל האָט זיך האַלב אַסימילירט און האָט אויפ'ן גליטשיקען פּארקעט פון אסימילאַציע פון צייט צו צייט צוריקגעקוקט צו דעם אידישען פאָלק, פון וועלכען זיי האָבען געמיינט אַז זיי זיינען אַוועק.

אָט פון די לעצטע, און צווישען די לעצטע, האָבען די אָפּגעשטאַנענע — פּאָליטיש און עקאָנאָמיש — אידישע מאַסען אינ'ם לעצטען יאָהר־הונדערט געזוכט און געפינען איהרע פיהרער און וואָרט־זאָגער.

בקבלה פון דער געטאָ אטמאָספערע נאָך, האָבען מיר געוואוסט, אַז דער גרויסער גביר קען צוקומען צו די הויפען פון די פּעאַראַלע פּרינצען און פּריצים.

און אַזוי ווי דער בורזשואַ־ליבעראַלער נייַנצענטער יאָהרהונדערט האָט אונז באַגליקט מיט אַזוי פיל אידישע מיליאָנערען, באַראָנען, דעפּוטאַטען אין פאַרשידענע פּאַרלאַמענטען, און אפילו מיט מיניסטאָרען — איז דאָך געווען נאַטירליך די אידישע מאַסען, דאָס אידישע פאָלק זאָל אינסטינקטיוו זוכען די הילף פון און דורך אונזערע גרויסע אידען.

און די לעצטע האָבען אויך אָפּט — טהיילוויז ווייל זיי זיינען נאָך ניט אינגאַנצען אַוועק פון אידען, און טהיילוויז ווייל אויך זיי זיינען אָפּט פאַרטשעפּעט געוואָרען פונ'ם אַנטיסעמיטיזם (דעם ערשטען שטאַרקען קלאַפּ האָט זיי געגעבען די דרייפוס־אַפּערא) זיך ניט אָפּגעזאָגט צו טהון טובות זייערע „אָרימער ברידער“, פאַרזאָרגען זיי, און בילדען זיי. סוף כל סוף איז עס דאָך געווען אין די אינטערעסען פון זייער פּרעסטיזש ווי עס איז צו מענשלען און לייטישען די מאַסען, פון וועלכע זיי שטאַמען.

און אין סך הכל האָבען זיי איבערגענומען די רעפּרעזענטאַנץ פונ'ם אידישען פאָלק. און אפילו אַזאַ אין תוך גענומען ראַדיקאַלע און רעוואָלוציאָנערע (פון נאַציאָנאַלען שטאַנדפּונקט) אידישע באַוועגונג ווי די ציוניסטישע איז כמעט ווי אָטאָמאַטיש און נאַטירליך אריינגעפאַלען אין די הענט פון אונזערע גרויסע און רייכע אידען.

ס'איז דאָ נאַטירליך ניט דאָס פּלאַץ צו געבען אַ היסטאָרישען איבערבליק איבער אָט דעם אידיש־בורזשואַזען רעזשים, אויב מען קען עס אַזוי אָנרופען; ס'איז אויך איצט ניט די צייט צו דערמאָנען די אינדיווידועלע אמת גרויסע אידישע פירער, וואָס די אידישע בורזשואַזיע האָט ארויסגעגעבען.

וואָס מיר דאַרפען איצט פאַרשטעהן און וויסען איז אַז די אידישע פיהרערשאַפט (רופט זיי אָן יהודים, אסימיליאַנטען צו אפילו בעלי־תשובה) האָט זיך שוין געענדיגט. דאָס ביסעל „אידישע מאַכט“ וואָס זיי האָבען געהאַט, האָט זיך שוין אויסגעשעפּט.

צו ס'איז גוט, צו ס'איז שלעכט, צו ס'איז פאר אונזער קרעדיט, צו ניט: ניט מיר האבען זיי איצט אראפגעווארפען, נור די היטלעריס־טישע רעוואלוציע אין דייטשלאנד.

דאס וואס די אידישע סאציאליסטישע און פאלקס פארטייען האבען אין לעצטען פערטעל יאהרהונדערט ניט געקענט אויפטהון האט היטלער אויפגעטאן אין די לעצטע פאר חדשים. ער האט געגעבען א טויט־קלאפ דער אידישער בורזשואזיע, דער „אידישער מאכט" און האט צו'מזיק'ט זייער פרעסטיזש אפילו אין די לענדער וואו זיי זיינען נאך נאהענט צו די מאכט־באזיצער.

דאס איז פאר אונז איינע פון די גרויסע, הגם אפשר קאטאסטרא־פאלע, מוסר־השכל'ס, וואס די היטלעריסטישע רעוואלוציע האט אונז אזוי גראב הוניש אונטערגעטראגען.

די „אידישע מאכט" אין וועלכער מיר האבען ביז איצט האלב אדער גאנץ געגלויבט האט היטלער צושמעטערט.

ער האט אראפגעווארפען די „אידישע רעגירונג" — די אידישע מאכט. און אויף זייער אייגענעם באדען: אויף דעם באדען פון דער אידישער עמאנציפאציע אין דייטשלאנד.

וואס עס איז אונז ניט אלעמען נאך קלאהר איז, אז היטלער האט אויך געמאכט א רעוואלוציע אינ'ם אידישען לעבען (אלע אונזערע רעוואלוציעס ווערען ס'רוב געמאכט פון דרויסען. דאס איז דאך אונזער נאציאנאלע טראגעדיע!).

ער האט אזוי טראגיש און ברוטאל באוויזען די מאכטלאזיגקייט פון אונזער מאכט; און ער, דער היטלעריזם, צווינגט אונז שוין צו זוכען די נייע אידישע כוחות, די נייע אידישע רעפרעזענטאנץ, וואס מיר וואלטען אסך פריהער געטאן, ווען מיר זיינען א נארמאל פאלק.

די גרויסע און רייכע אידען — אין ענגלאנד, פראנקרייך און אמעריקא — זיצען נאך אין זייערע „באארדס" און האלטען נאך די לייצעס פון דער פיהרערשאפט אין זייערע הענט; אבער די הענט ציטערן שוין. און היינט, מארגען, וועלען די לייצעס פון זייערע הענט ארויספאלען.

דערפאר זאג איך צו די וואס קריטיקירען אונזערע איינפלוסרייכע אידען און „באארדס" „פאר וואס זיי טהוען איצט גארניט, פאר וואס זיי טהוען איצט אזוי ווייניק": זיי טהוען אלעס וואס זיי זיינען געוואהנט צו טהון, זיי טהוען נאך מעהר ווי זיי קענען, אבער זיי קענען שוין ניט טאן. זייערע טראהנען שאקלען זיך שוין, די לייצעס פאלען שוין ארוים פון זייערע הענט...

זייער „הערשאפט" איז אריבער; זייער גרויסע היסטארישע שליחות פון שתדלנות האט זיך געענדיקט, ענדיקט זיך שוין. (זעהט

ווי וועניק זיי האָבען געֿפּועל'ט מיט זייער איינפלוס ביי די מעכטע וועלכע זיי דיענען אַזוי געטריי).

ווער זשע וועט איצט איבערנעמען די גרויסע שליחות, ווער זשע וועט אַצינד איבערנעמען און רעפּרעזענטירען די נייע אידישע מאַכט — די אידישע פאָלקס כוחות, וואָס מיר פאַרמאָגען נאָך?

מיר דאַכט זיך, ניין, איך גלויב, אַז נור אַ פאַראייניגטער פראָנט פון די אידישע אַרבייטער אָרגאַניזאַציעס וועט איצט ראַטעווען דאָס גאַנצע אידישע פאָלק (און פיעל בעסער און ראַדיקאַלער ווי אונזערע אַמאָליקע פאַרזאָרגער און שתדלנים פלעגען עס טאָן אין אַ עת צרה) פונקט ווי נור אַ פאַראייניגטער פראָנט פון אַלע אַרבייטער אינטערנאַציאָנאַלען וועט ראַטעווען די וועלט, די גאַנצע ציוויליזאַציע פון היטלעריזם און אונטערגאַנג.

די אידישע גרויסע בורזשואַזיע האָט שוין ניט קיין שותפות מיט דער בורזשואַזיע פון אַנדערע פעלקער, וועלכע איז גרייט זיך אַליין צו ראַטעווען דורך פאַשיזם, און וועט שטענדיג מקריב זיין די אידען און אפילו די אידען פון זייער קלאַס, ווען ס'וועט זיך זיי לוינען. דאָס איז די הויפּט סבה פאַר וואָס אונזערע טראַדיציאָנעלע פיהרער זיינען איצט אַזוי טראַגיש מאַכטלאָז, ניט קוקענדיג אויף אַלע זייערע פּאָליטישע סטראַטעגיעס און טאַקטיקס.

אַ פאַראייניגטער פראָנט פון אידישע אַרבייטער אָרגאַניזאַציעס, ווידער, האָט זיינע נאַטירליכע שותפים אין דעם אַרבייטער קלאַס בכלל, וועלכער איז אַליין בלוטיג פאַראינטערעסירט צו באַקעמפּפען דעם היטלעריזם.

די אידישע בורזשואַזיע האָט פאַרלוירען איהר פּרעסטיזש... זי איז מאַכטלאָז און מאַרגענלאָז. די גאַנצע מענשהייט האַלט זיך איצט אין איבערבויען, ווער זשע וועט עס איצט האָבען דרך ארץ פאַר דער אידישער בורזשואַזיע, אפילו וועט זי פּרובט רעדען אינ'ם נאָמען פון אַ גאַנץ פאָלק און אינם נאָמען פון יושר...

איז אַצינד דער אידישער אַרבייטער, דער אידישער חלוץ געוואָרען דער וואָרט־זאָגער פונ'ם פאַרפאָלגטען אידענטום. ער מוז עס ווערען!

אויף איהם איז די גרויסע שליחות איצט געפאַלען. אפילו די רעאַקציאָנערסטע רעגירונג — און אפילו רעאַקציאָנערע רעגירונגען קאָקעטירען איצט מיט סאָציאַליזם — וועט זיך אַצינד מעהר רעכענען מיט די אידישע פּראָדוקטיווע מאַסען און זייערע פאָרשטעהער ווי מיט אידישע באַנקירען.

די פראַגע איז נור צו די אידישע אַרבייטער־אָרגאַניזאַציעס פיהלען שוין די גרויסע שליחות וואָס אונזער געשיכטע וואַרפט איצט אויף זייערע פּלייצעס.

דער אידישער מיטעל־קלאַס — באַזונדער דער אָרימער טהייל זייערע וואָס איז דער רוב פונ׳ם פאָלק — וואַרט שוין אויף דער נייער און אמת׳ר פיהרערשאַפט.

וועלען זיך די אידישע ארבייטער־אָרגאַניזאַציעס איצט פאַראייניגען, וועלען זיי שאַפען איצט דעם פאַראייניגטען פראָנט? אָדער זיי וועלען צוליב פּראָגראַם שבולתן און אמביציעס, איצט פאַרזיינדיגען און פאַרשפּילען די גרויסע היסטאָרישע אויפגאַבע.

א פאָלק אין ליידען — זייער פאָלק — וואַרט אויף זיי, גאַרט נאָך זייערע פירערשאַפט.

וועלען זיי זיך פאַראייניגען און פירען?

אַלע אידישע אַרבייטער־אָרגאַניזאַציעס, אָנפאַנגענדיג פון דער פאַלעסטינער הסתדרות און פועלי־ציון, און ענדיגענדיג מיט דעם בונד און די סאַמע לינקסטע אידישע סאָציאַליסטישע פאַרטייען אין גלות, קענען און מוזען שוין פאַררופען א קאָנגרעס פון זייערע פאָרשטעהער.

זיי זיינען שוין פאַראייניגט דורך איין וועלט-אנשויאונג. זיי פאַראייניגט אויך איין אנשויאונג וועגען די אינערליכע און אויסערליכע סבות פון אַנטיסעמיטיזם.

אויך אין די צוויי קאַרדינאַלע הויפּט־לייזונגען פון דער אידען־פראַגע — קאָלאָניזאַציע און פּראָדוקטיזירונג פון די אידישע מאַסען — געהען זיי זיך צוזאַמען.

אין וואָס זיי אונטערשיידען זיך ס׳רוב, איז אין פאַרטיי און פּראָגראַם „שבולתן" ווי דער ענגלענדער רופט עס אָן. אין פראַגען פון טאַקטיקס און פראַזאָלאָגיע, וועלכע וועלען זיך סיי ווי צופליהען ווי פּאָלאָווע בשעת א סאָציאַלען שטורעם.

אויך די שפּראַכען־פראַגע און אַנדערע אַזעלכע ריין־קולטורעלע און ראָמאַנטישע פראַגען קענען איצט ניט שפּילען אַזאַ ראָלע. איצט ווען דאָס גאַנצע אידישע לעבען קען צוריבען ווערען צווישען די אייזערנע ציין פון רעוואָלוציעס און קאָנטר־רעוואָלוציעס.

און די גרויסע אידישע הארעפּאַשנע און ערב הארעפּאַשנע מאַסען — די גרויסע רעזערוואואָרען פון אונזער פאָלקס־ענערגיע — וואַרטען אויף זייער דרייסטער און באַוואוסטזיניגער פיהרערשאַפט.

און וואָס מיר דאַרפען נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל דערמאָנען איז, אַז דער פאַראייניגטער אידישער אַרבייטער פראָנט וועט ניט בלייבען קיין מאַכטלאָזער, איזאָלירטער אידישער קאָנגרעס אָדער קאָנפערענץ, וועלכער וועט שרייען און פּראָטעסטירען אין דער וועלט אריין: ער וועט האָבען מ י ט ו ו ע מ ע ן צו קעמפּפען געגען היטלעריזם

אין אַלע זיין געשטאַלטען — מיט דעם פאַראייניגטען פראָנט פון אַלע אַרבייטער אינטערנאַציאָנאַלען, פון דער גאַנצער פּראָגרעסיווער און, באמת, ציוויליזירטער מענשהייט.

ווי געזאָגט, איז נאָך ניט געקומען די צייט אונטערצופירען אַ סך־הכל צו דער תקופה פון דער אידישער עמאַנסיפּאַציע און דער אידי־שער פירערשאַפט וואָס זי האָט אונז געגעבען.

מיר פיהלען נור, אַז מיר שטעהען איצט ביי דער טרויעריגער ענדע פון דער תקופה; און אויב אַלע אונזערע שעפּפערישע און פּראָדוקטיווע כוחות וועלען זיך פאַראייניגען קען נאָך פון שלעכטס אַרויסקומען גוטס, און אינ׳ם איצטיגען ביטערען קריזיס קען נאָך געבוירען ווערען די אמת׳ע אידיש־נאַציאָנאַלע און בירגערליכע באַ־פרייאונג.

און אפילו ניט קריטיקירען און קעמפּפען מיט דער אַלטער אידי־שער פירערשאַפט דאַרפען מיר אַצינד — איהר חוב און רעכט איז צו קעמפּפען פאַר זייערע אידישע אינטערעסען — נור לערנען דאַרפען מיר איצט פון זייערע היסטאָרישע מעלות און חסרונות.

און באַזונדער דעם חסרון פון אַסימיליאַטאָרישקייט טאָרען אונ־זערע לינקע פּאַרטייען — באַזונדער די אידישע קאָמוניסטען — ניט איבער׳חזר׳ן:

פון אַ פאָלק אַנטלויפט מען ניט. פון די אייגענע מאַסען אַנט־לויפט מען ניט. ס׳איז ניט געזונט און אפילו ניט „פּראָלעטאַריש“. און מען קען עס ניט: ביז׳ן צענטען גלגול לויפט נאָך דאָס פאָלק, שלעפּט צוריק, רעפלעקסירט און פּאַראַליזירט.

די אידישע בורזשואַזע אַסימילאַציע צאָהלט איצט דאָפּעלט טייער דערפאַר: מיט צער, רפּוי און בושת...

די אידישע פּראָלעטאַרישע אַסימיליאַציע, וועלכע מיינט אַז זי קען אַנטלויפען פון די אידישע מאַסען און זיך אַליין ראַטעווען, אויסמישענ־דיג זיך אינגאַנצען מיט׳ן אַלוועלטליכען פּראָלעטאַריאַט, קען נאָך אויך טייער באַצאָלען פאַר איהר פּחדנות.

16.
פאלק און לאנד.

ס׳רוב נביאות׳ן זיינען זעהר עלאַסטיש: זיי קענען זיך אויסציהען און זיי קענען איינגעשרומפּען ווערען, לויט די אינהאַלטען, וואָס פעלקער געבען זיי אין פאַרשידענע צייטען און עפּאָכען אונטער׳ן דרוק פון פאַרשידענע צייט־אינטערעסן און השגות. דערפאַר האָט יעדע

עכטע נבואה אזוי פיל פארשידענע אויסטייטשונגען, און אזוי פיל גענגערישע אנהענגער.

ווי אויף פאעטישע און קינסטלערישע ווערק בכלל, גיט כמעט יעדע עפאכע א אנדער אפשאצונג, א אנדער פירוש אויך אויף אונזערע גע׳ירשנ׳טע נבואות׳ן — די גרויסע מאיסטער־ווערק פון סאציאלער פאעזיע.

איינע פון אונזערע כאראקטעריסטישע נאציאנאלע נביאות׳ן, ארום וועלכער עס האבען זיך געשפונען כמעט אלע אידישע סאציאלע און נאציאנאלע גלות־אידעאלאגיעס, זאגט פאראויס: „עתידה ארץ־ישראל שתתפשט בכל הארצות“. (ארץ ישראל וועט אין דער צוקונפט צושפרייט ווערען איבער אלע לענדער). אלע טעמים האט אט די נבואה, אויף וועלכער אידען האבען האלב אין האפנונג, און האלב אין יאוש ארויסגעקוקט אינ׳ם לויף פון זייער געשיכטע.

אמאל איז די נבואה ביי אונז פארבונדען געווען מיט „דער ליכט וואס וועט ארויס פון ציון און באלייכטען די גאנצע וועלט“, מיט דעם אידישען משיח׳יזם, מיט דער גרויסע אויסלייזונג פון וועלט און מענש.

אט די אידעאליסטישע אויסטייטשונג האבען אידען ס׳רוב גע־שאפען און געוועבט אין פארשידענע פארמען דוקא אין די שלעכטע צייטען — אין די צייטען פון די שרעקליכע רדיפות, ווען דער גלות איז געווען שטאק־פינסטער, ווען אויף דער ערד איז געווען אזוי שלעכט און האפנונגסלאז, אז די אויגען פון פאלק האבען זיך צוראטעווען געמוזט זוכען א טרייסט אין די הימלען, אין א ארץ־ישראל של מעלה, וועלכע וועט, לעתיד לבוא, ווי איין ליכטיגער הימעל צודעקען די גאנצע ערד.

און אמאל — און דוקא אין די גוטע צייטען — האבען אידען אויסגעטייטשט די זעלבע נבואה פיעל פראזאאישער און פשוטער:

„דארטען, וואו איך מאך א לעבען איז מיין פאטערלאנד, מיין ארץ־ישראל“. מיר געדענקען נאך אלע די גוטע יאהרען פון „פראס־פעריטי“ ווען בעלי־בתי׳שע אידען פלעגען ס׳רוב אזוי ענטפערען, ווען מען פלעגט צו זיי רעדען וועגען זייער לאנד, וועגען א״י.

„דארט וואו איך מאך א לעבען איז מיין לאנד; די שפראך אין וועלכער איך מוז רעדען צו מיינע קונים, און מוז לערנען מיינע קינדער מאכען א קאריערע — איז מיין שפראך“...

און אויב די אידען האבען דאך געגעבען פאר ארץ־ישראל (אין די גוטע יאהרען) איז עס ס׳רוב געווען צוליב פילאנטראפישע טעמים, צו העלפען די אומגליקליכע אידען אין די לענדער, איבער וועלכע „ארץ־ישראל“ האט זיך נאך ניט אויסגעשפרייט...

זיי, די אידען אין די לענדער פון זייער עמאנציפאציע האבען שוין

הייסט עס „אויסגעבויט זייער ירושלים“ אין די בליהענדיגע שטעט און שטעטלעך פון דייטשלאַנד, פראַנקרייך, ענגלאַנד, איטאַליע און אַזוי ווייטער. דאָס איז דער פירוש וואָס אידען געבען אויף דער נבואה אין „די גוטע יאָרען מיט די פעטע קוגלען“.

(פון דעם ווילדען אַנטיסעמיטישען פירוש, אַז דאָס וועלט־אידענ־טום שטרעבט די גאַנצע וועלט איינצונעמען, פון דעם ווייסען מיר אידען גראָדע ניט, כאָטש עס קאָן זיין, אַז אויך דער פאַנטאַסטישער „פירוש“ שטאַמט פון דער פלאַנטאַנישער פאַרבען־רייכער נבואה).

אין די גאָר מאָדערנערע צייטען, ווען די אידישע מאַסען און די אידישע פאָלקס־אינטעליגענץ איז געוואָרען האַלב סאָציאַליטיש האָט דער חזיון „עתידה ארץ־ישראל“ געקראָגען אַ שפּאָגעל־נייעם ראַציאָ־נאַלען שוין פירוש:

אַמאָל, אַמאָל, ווען מענשען וועלען אין זיך באַקעמפּפען אַלע רייס־און־בייס אינסטינקטען, און די גאַנצע מענשהייט וועט ווערען איין שטאָלצע און ראַציאָנאַלע געזעלשאַפט, וועלכע וועט שוין קענען צוריקקוקען אויף אונזער איצטיגער צייט מיט אַלע אונזערע איצטיגע סאָציאַלע, נאַציאָנאַלע און קלאַסען פּראָבלעמען ווי אויף אַ פּרימיטיווער פאַר היסטאָרישער עפּאָכע.

אָט דאַן וועט „ארץ־ישראל זיין פאַרשפּרייט איבער אַלע לענדער“ פּונקט... ווי אַלע אַנדערע היינטיגע מלוכות און לענדער וועלען צודעקען די גאַנצע ערד, ווייל ס׳וועלען ניט זיין מעהר קיין נאַציאָנאַלע אַרמעען און גרעניצען און די איצטיגע, פון קנאה און שנאה צובלוטיגטע און צוריסענע מענשהייט, וועט זיין איין גרויסע שטאָלצע משפחה, איין פאַמיליע פון געטער־קינדער.

דאָס וועט אפשר זיין אַמאָל. אויב די מענשהייט, אויב אונזער ציוויליזאַציע וועט ניט אונטערגעהן, וועט זיך אַליין ניט פאַרניכטען אויפ׳ן לאַנגען און שווערען וועג — פון רעוואָלוציעס, קאָנטר־רעוואָלו־ציעס און מלחמות — צו דעם אידעאַל, וועלכער קען אַליין נור ראַטעווען דעם מענשליכען מין פון זעלבסטמאָרד און אונטערגאַנג.

דאַמאָלט וועט ארץ־ישראל זיך פאַרשפּרייטען איבער אַלע לענדער. אָבער די גרויסע און טראַגישע פראַגע וואָס שטעהט איצט פאַר אונז איז: ווי אַזוי זאָלען מיר אַלס אַ פאָלק זיך אויפהאַלטען ביז דעמאָלט, ביז אָט דער גרויסער אויסלייזונג פון דער מענשהייט? —

און לעת עתה ווערט ניט נור ארץ־ישראל ניט גרעסער, נור עס ווערט אַלץ קלענער און איינגעשרומפּענער... און ניט ווייל די ציוניס־טישע אַרבייט ווערט שוואַכער (פאַרקערט זי ווערט אַלץ שטאַרקער,

און ברייטער), נור ווייל דער גלות ווערט אלץ גרעסער, פינסטערער און גערדיכטער.

און וואס גרעסער און אונערטרעגליכער עס ווערט די לאגע פונ׳ם אידישען פאלק אין די לענדער פון זיין צושפרייטונג, אלץ קלענער און קלענער ווערט, דאכט זיך, פאלעסטינא. און עס וועט אפשר ווערען באלד איין פינטעלע. איין ליכטיג פינטעלע אין א פינסטערען ים.

קלארער און פשוטער גערעדט: ניט קוקענדיג אויף די ציוניסטישע גרויסע דערגרייכונגען אין ארץ־ישראל, ניט קוקענדיג אויף דער העראישער ארבייט פון אונזערע חלוצים אין פאלעסטינא, איז איצט, ווען די אידישע צושפרייטונג האט אזוי טראגיש נאקעט ארויסגעוויזען אלע איהרע וואונדען — די באדייטונג און גרוים פון פאלעסטינא געווארען קלענער.

קלענער אפילו ווי מיט צוואנציג יאהר צוריק, ווען די דערגרייכונגען אין פאלעסטינא זיינען געווען פיל קלענער, אבער דערפאר איז די לאגע פונ׳ם אידישען פאלק ניט געווען אזוי גרויזאם און כמעט האפנונגסלאז ווי זי איז אצינד. די נאכט ווערט פינסטערער, דער ליכט־טורעם ליכטיגער, שארפער, אבער קלענער און ווייטער. די נבואה האלט נאך ניט ביים מקוים ווערען.

און מיר ווייסען ניט ווי לאנג אט דער בין השמשות צווישען צוויי ציוויליזאציעס, אין וועלכען מיר לעבען אצינד, וועט אנהאלטען, און צו מיר וועלען אלס פאלק ניט ארוים פון דער איצטיגער תקופה בשן ועין...

און ס׳איז ניט שווער פאראויסצוזעהן (ווי זאגען אונזערע רעדנער: הלואי זאל עס ניט מקוים ווערען) אז פאלעסטינא וועט אינ׳ם לויף פון די נעכסטע פאר צענדליג יאהר נאך קלענער ווערען.

דער היטלעריזם האט דערגראדירט דאס אידישע פאלק; ביז איצט ביים שטאלצען דייטשען אידענטום צוגענומען די עלעמענטארסטע בירגער־רעכט. און ווי ווייט אנדערע לענדער וועלען פאלגען זיין ביישפיל איז דערווייל שווער פאראויסצוזאגען.

אבער דער שאדען איז שוין געטאן געווארען: ער האט געווארפען א חשד אויף אונזערע בירגער־רעכט אין אלע אנדערע לענדער. און אויב מען וועט זיי ניט צונעמען, וועט מען אונז לאזען פיהלען, אז ס׳איז א דאפעלטע טובה, א גרויסמוטיגקייט און א גנאד, פאר וועלכע מיר דארפען באזונדער דאנקבאר זיין.

איך ווייס ניט ווי שטאלץ און הויך די ציוניסטישע פיהרער פלעגען פאדערן זייערע רעכט אויף פאלעסטינא פון דער מאנדאט־מאכט און פונ׳ם פעלקער בונד (און ס׳זענען פאראן אזעלכע ציוניסטען, וואס זאגען אז די פאדערונגען זיינען ניט געווען גענוג שטאלץ און הויך) אבער

איצט וועלען די פאָדערונגען פון די ציוניסטישע פיהרער, שוין צוליב פסיכאָלאָגישע טעמים אַליין, ווערען אפשר נאָך שטילער און הכנעה'־דיגער: אינ'ם נאָמען פון אַ דעגראַדירט פאָלק, פון אַ פאָלק ביי וועלכען מען וואגט צונעמען די עלעמענטארסטע בירגער־רעכט — און אין אַזוי גערופענע ציוויליזירטע לענדער, רעדט זיך עפעס ניט אַזוי הויך און שטאָלץ.

לאָמיר האָפען אַז ניין, אָבער עס מאָלט זיך אונז אַז דער זעהר ניכטערער רעאַל־פּאָליטיקער ד"ר ווייצמאַן איז לעצטענס קלענער גע־וואָרען אין די אייגענע אויגען.

און אפילו, להבדיל, דער פייער־שלינגער זשאבאָטינסקי. וועלכער זעהט שוין דאכט זיך אינגאַנצען ניט די טראַגישע אידישע ווירקליכקייט אַרום איהם, וועט שוין אַליין נעמען אויסלעשען איינציגוויז זיינע האַלאָוועשקעס...

וואָס גרעסער עס ווערט דער גלות אַלץ קלענער ווערט ארץ־ישראל.

און האָט זיך דען פּאַלעסטינאַ ניט געבויט, בויט זיך איצט ניט פּאַלעסטינאַ, אדאַנק דעם ביסעלע מאכט וואָס דער גלות האָט געהאַט, אַדאַנק דעם שמץ גלות־מאכט, וואָס ווערט איצט געדראָהט אינגאַנצען פאַרניכטעט צו ווערען ?

דער אידישער קאַפּיטאַל, די אידישע גרויסע איינפלוסרייכע יחידים — זייער פּרעסטיזש און מאכט זיינען איצט שטאַרק צושעדיקט.

און די ענערגיע פון די אידישע פאָלקס-מאסען איז לעצטענס אויך שטארק אָפּגעשוואכט געוואָרען: זיי מוזען זייערע עלעמענטארסטע רעכט אַצינד פאַרטיידיגען, זיי מוזען קעמפּפען מיט'ן היטלעריזם — פאַקטישען און פּאָטענציאַנעלען.

דער היטלעריזם האָט דערקלערט פאַר דער וועלט — און אויף דעם ברוטאַלסטען און בעסטיאַלסטען אופן — אַז די אידישע עמאַנצי־פּאַציע האָט באַנקראָטירט, אַז אידען האָבען זייער גלייך־באַרעכטיגונג" אויסגענוצט נור להרע, נור פאַר זייערע אייגענע אינטערעסען.

צוליב דעם ווילדען אינקוויזאַטאָרישען אופן פון זיין „דערקלערונג" האָט די גרויסע וועלט אפשר ניט דערהערט די עצם פראַגע (אונזער גליק ?) אָבער ווען מען וועט זיך צוגעוואָהנען צו זיין ברוטאַליטעט (אי וויל ס'וועט זיך לוינען, און אי וויל מען געוואָהנט זיך צו צו די ווילדסטע מעשים) וועט די גרויסע וועלט דערהערען די עצם פראַגע, און אפשר אַליין אויך אָנהויבען שטעלען די פראַגע: האָבען די אידען פאַרדינט זייערע בירגער־רעכט ?

אויך מיר אידען אליין האבען נאך ניט אינגאנצען באנעמען די גאנצע באדייטונג פאר אונז פונ׳ם היטלעריזם, צוליב זיין שרעקליך ווילדער ברוטאליטעט.

אבער אין גיכען וועלען מיר מוזען זיך אליין אנהויבען שטעלען די פראגען (ווי איך האב עס געפרובט אין די פריהערדיגע קאפיטלען): זיינען מיר אינגאנצען ריין? האבען מיר גארניט געזינדיגט געגען זיך אליין? האבען מיר ווירקליך געלעבט מיט די אידעאלען פון משה מענדעלסאן, ד״ר פינסקער און בער באראכאוו (די דריי הויפט פיהרער פונ׳ם מאדערנעם יודענטום)? האבען מיר פראדוקטיווירט דאס אידישע פאלק? האבען מיר גענוג געקעמפפט פאר אונזערע בירגער־רעכט? און האט די ציוניסטישע באוועגונג, באזונדער אפשר אינ׳ם פארווירקליכונג פעריאד — ניט פארגעסען אפט דעם אמת׳ן רעוואלוציאנערען זין פונ׳ם ציוניזם? האבען זיי ניט פארגעסען, אז אהן א פאלק בויט מען קיין לאנד ניט? —

די אידישע מאסען און די אידישע פאלק־אינטעליגענץ וועלען אין גיכען — און וואס גיכער אלץ בעסער! — זיך מוזען אנהויבען שטעלען אט די ניכטערע און הארבע פראגען.

עס וועט זיך מוזען אנהויבען צווישען אונז א אינערליכער, ראדיקאלער איבערבויאונגס פראצעס.

אלע שעפפערישע כוחות פונ׳ם אידישען פאלק וועלען זיך מוזען קאנצענטרירען אויף דער איבעבויאונג פונ׳ם פאלק. —

די אידישע גרויסע בורזשואזיע איז אויסגעשפילט און דיסקרעדירט, געהט בארג אראפ; די אידישע מאסען וועלען מוזען זייער גאנצע ענערגיע אפגיבען דעם קאמפף פאר זייער רעכט, פאר דער אייגענער איבערבויאונג.

א שווערע צייט קומט אן פאר די פירער פונ׳ם פאלעסטינעזען ציוניזם.

אינ׳ם נאמען פון א פון דאס ניי דעגראדירט פאלק, אינ׳ם נאמען פון א פאלק וואס מוז זיך פון דאס ניי און ראדיקאל איבערבויען וועט נאך שווערער זיין צו פאדערן און מאנען ביי הארט־נעקיגע, ענגהארציקע און ניט איבעריג פריינטליכע מעכטע, וועלכע זיינען, אגב, אליין געצוואונגען צו זוכען נייע עקאנאמישע און סאציאלע פארמען.

— און איצט.

ניט נור צושפרייט זיך ניט ארץ־ישראל איבער אלע לענדער. נור ארץ ישראל ווערט אלץ קלענער און איינגעשרומפענער. ווי קליין

זיינען אַצינד די ציוניסטישע דערגרייכונגען אין פּאַלעסטינאַ אין פאַר־גלייך מיט דעם איצטיקען גרויסען אידישען חורבן.

ווי אַ קליין פלאַסטערל איז איצט פּאַלעסטינאַ אויפ'ן קראַנקען, צובראָכענעם און געפעהרליך פאַרוואונדעטען גוף פונ'ם פאָלק.

און די גרויסע פראַגע דאַרף זיך איצט שטעלען פאַר יעדען ציוניסט וואָס האָט זיך נאָך ניט אָפּגעריסען פונ'ם גאַנצען אידישען פאָלקס־לעבען: וועלען מיר אָנגעהן מיט'ן בויען פון אַ יבנה אויפ'ן חורבן פונ'ם פאָלק? און זיינען אין די היינטיגע צייטען איבערהויפּט יבנה'ס מעגליך?

קענען מיר בויען אַ לאַנד אָהן אַ פאָלק, ווען דאָס לעבען פונ'ם פאָלק איז אין טויט־געפאַהר?

אפילו פאַר אַ נאַציאָנאַלען „גלגול מחילות" איז דאָס איצטיגע אידישע פּאַלעסטינאַ ניט גענוג גרויס.

אָפען גערעדט, עס מעג אי פּאַראַדאָקסאַל, אי ציניש קלינגען: וועלען די ציוניסטען אַצינד מאַכען דעם זעלבען פעהלער וואָס די אידישע קאָמוניסטען מאַכען: באַהאַלטען די קעפּ אין זייערע אידעאַלען און איינגאַנצען פאַרזעהן און אויף הפקר לאָזען די אידישע ווירקליכקייט, דאָס אידישע פאָלק? עס איז אפשר אידעאַליסטישע פּחדנות, אָבער דאָך פּחדנות: די ערשטע זיינען מפקיר די גרויסע קליינבירגערליכע אידישע מאַסען אויפ'ן אייזערנעם מזבח פון זייער אידעאַל; די צווייטע ראַטעווען זיך פון דער גרויסער שרעקליכער אידישער ווירקליכקייט אין דער קליינער פּאַלעסטינאַ. און ביידע פאַרגעסען זיי, אַז דער חורבן וועט זיי מיטשלעפּען, אַז דאָס קראַנקע און צובראָכענע פאָלק וועט זיי מיטשלעפּען צו דעם תהום פאַר וועלכען מיר געפינען זיך אַצינד אַלע.

17

חלוצים, חלוצים!

אָבער אויב ארץ־ישראל מוז אַצינד אויסזעהן און אפשר אויך ווערען אַלץ קלענער און קלענער, קען און דאַרף אָבער דער ציוניזם אַצינד ווערען אַלץ ברייטער, טיפער און פאַרשפּרייטער.

דער ציוניזם מוז זיך פאַרשפּרייטען איבער אַלע לענדער. דער ציוניזם מוז ווערען סינטעטיש. ער מוז זיך אומקערען צו זיין אָריגי־נעלען שורש. און דאָס איז ניט הערצעליזם צו וועלכער ס'איז אַנדערער „איזם" נור די גרונד אידעע, אַז מיר דאַרפען אַ לאַנד פאַר'ן פאָלק

און ניט א פאָלק צוליב'ן לאַנד (אוודאי ניט א לאַנד „אָן און פאַר זיך" ווי עפּעס א פּאָליטישען צו קולטורעלען אָרנאַמענט).

דער אָריגינעלער און רעוואָלוציאָנערער ציוניסטישער אידעאַל (פון פּינסקער'ן ביז באָראָכאָוו'ן) איז געווען איבערצובויען דאָס אידישע פאָלק — פון א לופט פאָלק מאַכען א פּראָדוקטיוו און געזונט פאָלק. און דער גרויסער פעהלער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג איז וואָס זי האָט ביסליכווייז, בהדרגה, ניט באַמערקט פון זיך אליין, פאַרגעסען אָן דעם גרויסען אידישען פאָלק אין גלות, און זיך אינגאַנצען קאָנצענטרירט אויף פּאַלעסטינא און אין פּאַלעסטינא.

מיט'ן טראַגישען סך-הכל, אַז די ציוניסטישע מאַסען אויסער פּאַלעסטינא (און אויך אין א געוויסער מאָס אין פּאַלעסטינא) זיינען די זעלבע גלות אידען, די זעלבע לופט-מענשען נור... מיט שקלים.

מיט'ן טראַגישען סך-הכל, אַז דאָס ציוניסטישע באַוואוסטזיין, האָט אינ'ם משך פונ'ם לעצטען האַלבען יאָהר הונדערט, ניט דורכגענומען דעם מארך און ביין פונ'ם פאָלק.

די ציוניסטישע באַוועגונג האָט זיך אָפּגעגעבען אינגאַנצען דער אויפבויאונג פונ'ם לאַנד, און האָט כמעט אינגאַנצען פאַרגעסען אין דער איבערבויאונג פונ'ם פאָלק. (און אין דעם האָבען פאַרגעסען אפילו די ראַדיקאַלע ציוניסטען און די פּועלי ציון, וועלכע קוקען שוין אַמניכטערסטען אויפ'ן ציוניזם).

מען האָט אַזוי אָפט פאַרגעסען, אַז לאַנד דאַרף מען נור פאַר'ן פאָלק, און אַז אָהן א פאָלק וועט מען סיי ווי קיין לאַנד ניט קענען בויען.

די ציוניסטישע באַוועגונג און איהרע פיהרער האָבען זיך פאַרשפּילט, און אָפט פאַרוויגט מיט ציוניסטישע „פּרפּראות": העבּרעאישע קולטור, העבּרעאישע ציוויליזאַציע (ניט וויסענדיג אַליין גענוי וואָס דאָס איז אַזוינס, פּונקט ווי אונזערע אידישיסטען און פאָלקיסטען רעדען פון א אידישער קולטור און ווייסען אויך ניט וואָס דאָס איז). און מען האָט פאַרגעסען, אַז מען שרייבט ניט פאַר דער צוקונפט וואָס פאַר א קולטור צו שאַפען, אַז נור א געזונט פאָלק קען איבערהויפּט וועלכע עס איז קולטור שאַפען.

מיט'ן טרויעריגען סך-הכל, אַז מיר האָבען איצט דאָס זעלבע גלות-פאָלק וואָס פריהער; און א גרעסער און טראַגישער גלות-פאָלק— מיט פאַרשידענע פּאַרטייען, און מיט פאַרשידענע פּלאַטאָנישע קולטור אידעאָלאָגיעס.

מיט'ן סך-הכל, אַז אפילו אינ'ם איצטיגען רוסלאַנד (וואו דער פּאָליטישער ציוניזם איז טריפה) ווערט מעהר אָריגינעל ציוניסטישע

ארבייט אויפגעטאָן ווי צווישען די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס אויסער פּאַלעסטינאַ.

די פּראָדוקטיוויזאַציע פון די אידישע מאַסען — דורך ערד־ארבייט און אין פאַבריקען. עס מעג קלינגען פּאַראַדאָקסאַל, נור אפילו אין די לידער פון די אידיש־סאָוועטישע דיכטער כאַריק, פעפער, מאַר־קיש א״א איז דאָ מעהר אָריגינעלער ציוניזם ווי אין די קולטורעלע און עסטעטישע לעבצונגען פון אַסך פון די מאָדערנע העברעאישע פּאָעטען אין פּאַלעסטינאַ גופא.

פרוגס „געזונט זאָלען זיין די הענט מיט מאזאליעס" און אין דער „סאַבע איז די מזל ברכה" (גאָלדפאַדענס ?) — אָט די ערשטע און אָריגינעלע ציוניסטישע לידער קלינגען אַצינד ווידער אין רוסלאַנד. און די ציוניסטען, באַזונדער אין די גלות־לענדער, האָבען די לידער, דאַכט זיך, שוין פאַרגעסען.

מיט׳ן סך־הכל, אַז עס קען איצט פערעפּראַזירט ווערען אחד־העמ׳ס באַריהמט וואָרט, ווען ער איז דאָס ערשטע מאָל געשטאַנען נעבען דער כותל מערבי:

אויף וואָס דאַרפען מיר איצט מעהר טרויערן — אויף דער קליינ־קייט פון אונזערע דערגרייכונגען אין פּאַלעסטינאַ, צו אויפ׳ן גרויסען חורבן פונ׳ם גלות אידענטום ? !

די ציוניסטישע באַוועגונג — ווי אַלע אַנדערע פון אונזערע בויענ־דע פּאַרטייען — דאַרף זיך איצט באַפרייען פון די פּאַרטיי „שבולתן" און אומקערען זיך צו איהרע עיקרים, צו די „עסענשיאַלס" פון זייער אידעאַל. און דער עיקר פון אַלע עיקרים איז „צו פאַרשפּרייטען דעם אמת׳ן ציוניזם איבער׳ן אַלע לענדער": ווי ווייט מעגליך, איבערבויען עקאָנאָמיש און פּסיכיש דאָס אידישע פאָלק און ניט וואַרטען ביז וואַנעט מען וועט קענען אַ באַדייטענדען טהייל פונ׳ם פאָלק אריינפירען אין פּאַלעסטינאַ. „ביז וואַנען די פּאַלעסטינער זון וועט אָנהויבען ליכטיג שיינען וועט די ראָסע די אויגען אויפּעסען". ביז וואַנען מיר וועלען אויסקעמפּפען דעם מאַקסימום וואָס מיר קענען אין פּאַלעסטינאַ, וועלען מיר שוין קיין פאָלק ניט האָבען... און וואו וועלען מיר נעמען די אידישע פאָלק׳ס כוחות אויפצוהאַלטען די ביז איצטיגע דערגרייכונ־גען אין פּאַלעסטינאַ, ניט רעדענדיג שוין פון נייע מאַקסימאַלע דער־גרייכונגען ?

עס דאַרף איצט — שוין ! — באַשאַפען ווערען אַ מעכטיגע חלוצים באַוועגונג צווישען אידען.

ניט נור חלוצים, וואָס זאָלען זיצען אין די גלות לענדער און וואַרטען ביז וואַנעט מען וועט זיי ערלויבען פאָרען קיין פאַלעסטינא. נור מיר מוזען שוין האָבען אַ מעכטיגע חלוצים־באַוועגונג דאָ אויפ׳ן אָרט, אין יעדען לאַנד וואו אידען געפינען זיך.

נאָך מעהר אפשר ווי די חלוצים וואָס צואַקערן איצט דאָס אידישע לאַנד, דאַרף מיר איצט האָבען די חלוצים וואָס זאָלען צואַקערן און פאַרזייען די וויסטע פונ׳ם אידישען לעבען. מיר דאַרפען איצט נעמען זיך דאָס פאָלק בויען צוגלייך מיט׳ן לאַנד. און נאָך אינטענסיווער און העראָאישער ווי דאָס לאַנד!

מיר דאַרפען שוין אומעטום וואו מיר זיינען, אָרגאַניזירען חלוצים גרופען און פון אונזער בעסטער יוגענט — און פאַר וואָס זאָל אונזער אוניווערזיטעט יוגענט ניט אוועקוואַרפען זייערע דיפּלאָמען ווי די אַמאָליגע און היינטיגע בילוי״צעס אין א״י — און אוועקגעהן אַקערן און אַרבייטען אין פאָלק.

פונקט ווי מיר האָבען חלוצים קבוצות אין פאַלעסטינא — אונזער שענסטער פאַרמעגען אין פאַלעסטינא — דאַרפען מיר האָבען אַזעלכע קבוצות אין די גלות־לענדער. אין ענגלאַנד, פראַנקרייך, פּוילען, ליטע. אומעטום, אומעטום. וואו זיי קענען — לויט די אָרטיגע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע באַדינגונגען און אין די ראַמען פון אונזערע בירגער־רעכט, פון וועלכע מיר טאָרען ניט אָפּטרעטען — זאָלען זיי זיך באַזעצען אַרבייטער אויפ׳ן לאַנד. פונקט ווי די אַמאָליגע אידעאַליסטען אין רוסלאַנד, און אין אַנדערע לענדער דאַרפען זיי אוועקגעהן אין פאָלק אַריין, ווערען יגיע כפיימניקעס און מיט זייער ריין, עהרליך און געזונט לעבען העלפען איבערבויען דאָס אידישע פאָלק, שאַפען דאָס אידישע פאָלק.

איך מיין דאָ ניט קיין „קרענקישע״ און עקסצענטרישע חברות און ניט קיין נייע אוטאָפּישע חברות צו שאַפען, נור די אידישע יוגענט זאָל זיך פּראָדוקטיוו — אינדיווידועל און נאַציאָנאַל עקאָנאָמיש — אָרגאַניזירען.

די אידישע יוגענט וועלכע ליידט שוין איצט אַזוי שרעקליך פון דער קראַנקער אַלגעמיינער און אידישער דערציהונג, וואָס זיי האָבען געקראָגען, בענקט שוין נאָך אָט דעם נייען, געזונטען און פשוט׳ען לעבען.

איהר קענט עס זעהן אין די אויגען פון די יונגע אידען אין איירּאָפּאַ און אַמעריקאַ, איהר קענט עס אַרויס הערען פון זייערע רייד. עס זיינען זיי שוין נמאס און מאוס די אינטעליגענטע פּראָפעַ־סיעס וואָס מען האָט זיי געגעבען, און אין וועלכע מען נויטיגט זיך שוין ניט.

פאַר וואָס זשע זאָלען מיר זיי ניט אָרגאַניזירען, פאַר וואָס זשע זאָלען זיי זיך אַליין ניט אָרגאַניזירען. זיי ווילען לעבען געזונט און אַרבייטען, זיי ווילען לאַכען און זינגען, שוועך אַרבייטענדיג און ניט נאָך מעהר צוקריפּלען זייערע נשמות אין דער ביטערע קאָנקורענץ פון וועלכער אונזער גאַנצע איצטיגע געזעלשאַפט ווערט צוריסען.

חלוצים, חלוצים! וואו זענט איר? נאָך מעהר ווי דאָס לאַנד ווארט אויף אייך אייער קראַנק פאָלק!

שוין מיט אייערע קבוצות, שוין מיט אייער עקזיסטענץ אַליין, וועט איהר היילען און שטאַרקען אינערליך דאָס אידישע פאָלק, וועט איהר אויפבויען דאָס אידישע פאָלק.

אייער גליק — דאָס גליק פון אַרבייט! — וועט זיין אונזער אַלעמענס גליק.

אַזעלכע קבוצות אין גלות, וועלען ווערען די געזונטע בלוט־צעלען וואָס וועלען העלפען שטאַרקען און געזונט מאַכען דעם גאַנצען אידישען נאַציאָנאַלען גוף. זיי וועלען ווערען — אָהן איבעריגער פּראָפּאַגאַנדאַ אפילו — די סאַניטאַרע אַטריאַדען, וועלכע וועלען העלפען רייניגען „דאָס אידישע הויז". אין אַ צייט פון סאָציאַלע מגיפות און עפּידע־מיעס.

און זיי דאַרפען קיין פּאָליטישע פּראָגראַמען ניט: זייער „פּאָלי־טיק" איז אינדיווידועלע און נ אַ צ י אָ נ אַ ל ע ה י ג י ע נ ע! זייער אידעאַל די אייגענע פּראָדוקטיוויזאַציע ווי די פּראָדוקטיוויזאַציע פון'ם אידישען פאָלק בכלל.

מיר דאַרפען אַצינד, ווי דאָס לעבען, אומעטום האָבען חלוצים — אין די הונדערטער און טויזענטער — וואָס זאָלען אַוועק אינ'ם אידישען פאָלק אַריין און עס צואַקערען און איבערבויען; מיר דאַרפען איבעראַל וואו אידען זיינען נור דאָ שאַפען אַזעלכע קבוצות, וועלכע וועלען ווערען די „צעלען" דורך וועלכע אַ נייע און געזונטע לעבען וועט אַריינפליסען אינ'ם אידישען פאָלק'ס אָרגאַניזם.

זיי וועלען מיט זייער זיין, מיט זייער אַרבייט, ווערען אונזערע בעסטע אינערליכע זעלבסט־שוץ און זעלבסט־רייניגונג אַפּאַראַטען. מיט זייער עקזיסטענץ וועלען זיי פאַרשעמען אָט די איצטיגע אידישע טראַגישע יוגענט, וועלכע מאַכט נאָך ווי עס איז אַ „פרעהליך לעבען" אויף די ברעגעס פון די היינטיגע פרייע פּראָפעסיעס און האַלבע קונ־סטען, און וועלכע לעבען שוין אינ'ם שאָטען פון דעגראַדאַציע און פון באַליידיגונגען... אָהן די געקינצעלטע קולטור און שפּראַך פראַגען, וועלען זיי ווי פשוט'ע געזונטע און ערליכע מענשען, געהן און לעבען צווישען די אידישע מאַסען, צווישען דעם אידישען בירגערטום און בהדרגה איבערבייטען אַלע אונזערע היינטיגע לופט אידעען וועגען

דערציהונג, אַלע אונזערע היינטיגע מאוסע און קראַנקע „שענקייטען“...

אַט די חלוצים־קבוצות און אין די גלות לענדער — וועט זיין די אמת'ע ציוניסטישע אַרבייט צווישען פאָלק, זיי וועלען ווי זייערע חברים אין פּאַלעסטינאַ און אין די אידישע קאָלאָניעס אין רוסלאַנד, העלפען איבערבויען און אויפבויען אַ געזונט אידיש פאָלק.

און אין זייער נאָמען, און אינ'ם נאָמען פון דער אידישער אַרבייט אין פּאַלעסטינאַ, וועט „דער פאַראייניגטער פראָנט פון אַלע אידישע אַרבייטער אָרגאַניזאַציע“ (וואָס קען און מוז שוין געשאַפען ווערען!) קענען שטאָלץ רעדען און מאָנען סיי פון אונזערע שונאים און סיי פון אונזערע פריינט. מיט אַזאַ פאַראייניגטען פראָנט, און מיט אַזעלכע ערליכע פאָלק'ס כוחות, וועלען מיר ווי עס איז קענען באַגעגענען דעם מאָרגען, די צוקונפט און די אַלע סאָציאַלע און נאַציאָנאַלע עקספּעריי־מענטען, וואָס די מענשהייט וועט נאָך מאַכען אין דער גרויסער און טראַגישער היסטאָרישער תקופה אין וועלכער מיר לעבען אַצינד און מוזען איבערלעבען און איבערקומען אָהן די שרעקליכע, פאַטאַלע פאַרלוסטען, מיט וועלכע מיר ווערען אַצינד געדראָהט!

ע נ ד ע

YISRÖEL

THE FIRST JEWISH OMNIBUS

Edited by

JOSEPH LEFTWICH

A collection, in a single volume, of representative stories by famous international writers whose Jewish origin forms a common bond. The omnibus comprises 100 stories, many of which have been specially written or translated for this work. The collection is, in itself, an achievement and contains many of the world's "best sellers."

Among the Authors are:—

GILBERT FRANKAU
BENJAMIN DISRAELI
SARAH GERTRUDE MILLIN
LOUIS GOLDING
W. L. GEORGE
ISRAEL ZANGWILL
LOUIS ZANGWILL
VICKI BAUM
ERNST TOLLER
JAKOB WASSERMAN
ARNOLD ZWEIG
STÉFAN ZWEIG
HEINRICH HEINE
ARTHUR SCHNITZLER
G. B. STERN
HANNAH BERMAN
ALFRED SUTRO
ELSE LASKER-SCHUELER
FRANZ WERFEL
M. J. LANDA
ANDRÉ MAUROIS
JEAN RICHARD BLOCH
HERMAN HEYERMANS
SIEGFRIED VAN PRAAG
ISRAEL QUERIDO
EDNA FERBER
THYRA WINSLOW
JOHN COURNOS
WALDO FRANK
I. BABEL
J. OPATOSHU
VLADIMIR JABOTINSKY
LUDWIG LEWISOHN
SHALOM ASCH
MOYSHEH OYVED
MENDELE MOCHER SEPHORIM
J. CH. BRENNER
I. L. PERETZ
LION FEUCHTWANGER
BARUCH GLASSMAN

100 Stories, 1,100 pages. Bound Cloth 10/6 net.

AT ALL BOOKSELLERS.

JOHN HERITAGE, PUBLISHER,
High Holborn, London, W.C.1

די אַנטאָלאָגיע איז אויפגענומען געוואָרען פון דער ענגלישער פרעסע אלס דאָס בעסטע בוך פונ'ם יאָהר.

אינ'ם בוך געהען אריין הונדערט ערצעהלונגען פון אידען שרייבער אין אלע מאָדערנע ליטעראטורען.

אויך פראכט ספעציעלע לעדער אויסגאבע צו באקומען ביים הויפט־אגענט

J. POMERANTZ,
12, St. Kildas Road, London, N.16.
Telephone: CLIssold 6666.

און אויך אין אלע בוכהאנדלונגען.